יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT
פרייז 15 גראשען
היינט 8 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 194 | Łódź, Poniedziałek, 21 sierpnia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כ"ט מנחם אב תרצ"ג | № 194

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

18=טער ציוניסטישער קאנגרעס
ווערט היינט געעפענט אין פראג
ליגע פארן ארבייטענדען ארץ-ישראל פאדערט די מאכט

פ ר א ג, 20 (ספעצ. צום נ. פאלקסבלאט) היינט 7.30 אוו. ווערט געעפענט דער 18־טער ציוניסטישער קאנגרעס.

דער סדר־היום איז פאלגענדער:

1) ערעפנונג פון קאנגרעס.
2) בעגריסונגען.
3) אנדענק־רעדע לכבוד ד"ר חיים ארלאזא־ראוו.

די צווייטע זיצונג קומט פאר מארגען, דינסטאג, ד. 22־טען אויגוסט 10 פריה מיט פאלגענדע טאג־ארדנונג:

וואהלען פון קאנגרעס־פרעזידענט.

רעפעראט פון קאנגרעס גערישט וועגען דער לעגאליטעט פון די דעלעגאטען־וואהלען.

רעפעראט וועגען דער יודישער לאגע אין דער וועלט.

רעפעראט פון דער עקזעקוטיווע וועגען דער פאליטישער טעטיגקייט.

פ ר א ג, 20 (יט"א טעלעגראפיש)

ס'איז געשאפען געווארען א ספעציעלע קאמיסיע וועגען דער לאגע פון די יודען אין דייטשלאנד. ווייצמאן האט זיך אפגעזאגט צו האלטען א רעפעראט. רעפערירען וועלען סאקאלאוו און רופין. רופין זעהט פאר, אז פון דייטשלאנד וועלען אויסוואנדערען אפערטעל מיליאן יודען, פון וועמען בע 100 טויזענד וועט מען קענען בעזעצען אין ארץ־ישראל.

פ ר א ג, 20 (יט"א טעלעגראפיש)

אויף דער קאנפערענץ פון די רעוויזיאניסטען, האט זשאבאטינסקי געהאלטען א פראגראמא־טישע רעדע.

פ ר א ג, 20 (יט"א טעלעגראפיש)

אויפן קאנגרעס איז פארגעזעהן א דעבאטע וועגען דעם פיפטי־פיפטי־סיסטעם, די עקזעקוטיווע וועט ארויסטרעטען געגען קינדיגען דעם אפמאך און פארקלענערען דעם פיפטי אויף 40.

פ ר א ג, (יט"א טעלעגראפיש)

די ארבייטער־דעלעגאטען זעצען געגען פארב־שטיינס קאנדידאטור אין דער עקזעקוטיווע.

אויף א קאנפערענץ פון די אלגעמיינע ציוניסטען, איז סאקאלאוו ארויסגעטרעטען מיט א גרויסע רעדע, ער האט גערעדט וועגען דעם אמאליגען און היינטיגען ציוניזם, און דעם אמאליגען און היינטיגען אנטיסעמיטיזם.

פ ר א ג, (יט"א טעלעגראפיש)

היינט איז פארגעקומען א זיצונג פון דער ארבייטער־פראקציע און וועלכער ס'האבען זיך בעטייליגט 138 דעלעגאטען — 44 פראצענט פון דער אלגעמיינער צאהל דעלעגאטען אויפ'ן קאנגרעס.

די זיצונג האט בעעהרט ארלאזאראוו'ן מיט אויפשטעהן פון די ערטער. מיט א פראגראמאטישער רעדע איז ארויסגעטרעטען בן־גריון.

די זיצונג האט זיך ארויסגעזאגט פאר אנגעמען סאנקציעס געגען נישט דיסציפלינירטע גרופען די ארבייטער זענען געגען דעם פראקציע־סיסטעם די ווילען דיקטאט.

די אנוועזענדע האבען געשיקט פעך און שווער בעל אויף די רעוויזיאניסטען, הויפטזעכליך אויף די רעוויזיאניסטען אין פוילען, צווישען אנדערען, אז דער „ברית החייל" בעשטעהט פון גנבים, אפאשען און מעסער־שטעכער.

4=טער יודישער האנדווערקער=קאנגרעס
האט זיך געעפענט אין ווארשא מיט א גאסען=מאניפעסטאציע. —
פייערליכע זיצונג אין שטאט=ראט, און צווייטע זיצונג אין האנדווערקער=פערבאנד

ו א ר ש א, 20 (טעלעפאניש)

פון גאנץ פריה אן האבען זיך אנגעהויבען צו פערזאמלען אין זאל פון האנדווערקער-פערבאנד די דעלעגאטען, וואס זענען געקומען פון דער פראווינץ.

איגדערפריה האבען זיך אין געסעל ביי סי־מאנס פאסאזש אנגעהויבען צו פערזאמלען די דע־לעגאטען פון גאנץ פוילען מיט די פעהנער, און 11 א זייגער האט געריהרט דער אימפאזאנטער צוג מיט פעהנער און טראנספאראנטען.

פאראויס איז געגאנגען אן ארקעסטער און געשפילט.

די דעלעגאציעס זענען געגאנגען לויט די וואיעוואדזטוועס און דער צוג איז דורכגעגאנגען דורך נאלעווקיס, גענשע, זאמענהאף, קארמעליצקע, משעניאוו, דלוגע, בעלאנסקא ביז צום טעאטער פלאץ.

12 א זייגער האט זיך אין שטאט ראט גע־עפענט דער צוזאמענפאהר ביי דער אנוועזענהייט פון אנ'ערך 600 דעלעגאטען און עטליכע הונדערט איינגעלאדענע געסט, ווי א שטייגער, פארשטעהער פון בעבע-קלוב, פון כמעט אלע מיניסטעריומס, די פרעזעסען פון כמעט אלע האנדווערקער קאמערן ווי אויך די יודישע פארשטעהער פון שטאט ראט און מאגיסטראט, פון דער ווארשאווער קהלה, ראבינאט א. א. אינסטיטוציעס.

געעפענט האט דעם צוזאמענפאהר חיים ראסנער, אין נאמען פון דער עקזעקוטיווע פון צענטראלען האנדווערקער פערבאנד אין פוילען.

ער האט בעגריסט די פארשטייער פון דער רעגירונג, בעבע, סענאטארען און דעפוטאטען, זעלבסטפערוואלטונג פארשטייער, פערטרעטער פון האנדווערקער קאמערן, קהלה א. א. וו.

אין זיין רעדע האט ער אנגעוויזען, אז דער קאנגרעס וועט בעהאנדלען די פראגע וועגען פער לייכטערען די פאלגען פון שווערען קריזיס און אויך שאפען מיטלען, אז די ווארשטאטען זאלען זיין טעטיג, און אז די האנדווערקער זאלען האבען ארבייט.

דערנאך האט ער אנגעוויזען, אז צום גרויסען גליק איז די לאגע פון האנדווערקערטום להיפוך צו אלע אנדערע קלאסען א בעסערע.

די אויפגאבע פון קאנגרעס — האט ער גע־זאגט — איז צו שאפען מיטלען צו בעקעמפען די שוועריגקייטען, וואס שטייען אויפ'ן וועג.

ווייטער האט ער אנגעוויזען אז דער קאנ־גרעס קומט פאר אין א מאמענט ווען היטלער האט זיך געשטעלט בראש פון דייטשלאנד — דער שונא און אונטערדריקער פון יודען און פאליאקען, וואס גרייט אנ'אנפאל אויף די פוילישע גרעניצען און אונזער אויפגאבע איז צו שטעלען זיך ארעם ביי ארעם מיט די פאליאקען אין שוץ פון אונזער לאנד.

אויף די בארבארישע מעשים פון היטלערן ענטפערן מיר מיט א בויקאט אויף אלע אויסאר ביייטונגען, וואס שטאמען פון היטלער לאנד.

מיר מוזען זארגען, אז קיין איין גראשען זאל נישט אריינפליסען קיין דייטשלאנד, ווייל די סחורות זייערע זענען אדורכגעזאפט מיט יודיש בלוט און אונזערע געלדער, וואס וועלען אריינפאלען אהין, וועלען מיר צוריקבעקומען אין דער פארם פון הארמאטען קוילען און גיפטיגע גאזען...

מיט אויסרופען לכבוד דער פוילישער רע־פובליק, דעם פרעזידענט מאשטשיצקי און מארשאל פילסודסקי ענדיגט חיים ראסנער זיין רעדע.

דערנאך רעדט דער פרעזעס פון דער עקזע־קוטיווע שטיצבערג, און עס ווערען געהאלטען די בעגריסונגען פון דער רעגירונג, האנדווערקער־קאמערען, (אויך פון פוזנער האנדווערקער־קא־מער) ארבייטס און האנדעלס-מיניסטעריומס, בעבע־קלוב, א. א. וו.

לסוף ווערט אנגענומען א שארפע פראטעסט־רעזאלוציע געגען היטלערן און דעם היטלעריזם, וואס ווערט דורכגעלייענט דורך לעא פינקעלשטיינען, און עס ווערט געמאכט א הפסקה פון 3 ביז 6 באכמיטאג.

די צווייטע זיצונג קומט פאר אין לאקאל פון האנדווערקער־פערבאנד, אויף נאלעווקי 2.

עס ווערט געוועהלט א פרעזידיום, אין וועל־כען עס גייען אריין פון לאדז: דער אדוואקאט ווייצמאן און קאשימירסקי.

אין דער מאנדאט־קאמיסיע גייט אריין פון לאדז יחזקאל[?] ...

ראסנער האלט א בעריכט־רעפעראט, אין וועל־כען ער רעדט ארום פראגען פון האנדווערקער־געזעץ און האנדווערקער־קאמערען.

עס ענטוויקעלט זיך א דיסקוסיע, אין וועלכער עס בעטייליגען זיך אגייה דעלעגאטען פון דער פראווינץ, וועלכע טרעטען ארויס געגען דעם, וואס אין דער שפיץ פון פערבאנד שטייען אינטעליגענ־טען און נישט האנדווערקער, און זיי פארשטייען זאקי נישט די אינטערעסען פון האנדווערקערטום.

די דאזיגע רעדנער־פיהרען אויס, דאס מ'דארף זאר־גען, אז אין דער לייטונג זאלען שטיין האנדווער־קער גופא.

די זיצונג ווערט איבערגעריסען שפעט ביי נאכט, און די פארזעצונג ווערט פארקומען מארגען.

פרעזידענט רוזוועלט האט אונטערגעשריבען
דעם ארבייטס=קאדעקס פאר דער נאפט=אינדוסטריע

וואשינגטאן, 20 (ספ. טעל.)

פארשטעהער פון דער נאפט־אינדוסטריע פא־דערען א גענויע קאנטראלע פון די פרייזען. די נאפט־אינדוסטריע איז נישט מסכים אויפ'ן אנ־גענומען דעם „ארבייטס־קאדעקס" אין זיין איצטיגער פארם.

וואשינגטאן, 20 (ספ. טעל.)

רוזוועלט האט אונטערגעשריבען דעם אר־בייטס־קאדעקס פאר דער נאפט־אינדוסטריע.

די נאפט־אינדוסטריעלער האבען טראץ דער אומצופרידענהייט מיט די קלויזולעס בנוגע די פעסט געשטעלטע פרייזען, האבען דעם קאדעקס אנגענומען מחמת „פאטריאטישע טעמים".

רוזוועלט האט אויך אונטערגעשריבען דעם ארבייטס־קאדעקס פאר דער האלץ־אינדוסטריע, אין וועלכען עס זענען בעשטימט די פרייזען און ס'איז פארגעזעהן די קאנטראלע פון דער פראדוקציע.

איצט איז רוזוועלט ארויסגעפאהרען אויף א פ־רוהע אין הייד־פארק.

אויף די יסודות פון ארבייטס־קאדעקסען אר־בייטען 12 מיליאן ארבייטער, ד. ה. א[י]ין דריטעל אר־בייטער פון גאנץ אמעריקא.

היטלעריסטען ארעסטירען פלוצים 4 פוילישע ארבייטער און אפגעשטעלט צו דער גרעניץ

ל יי פ צ י ג, 20 (ספ. טעל.)

נעבען ביטערפעלד זענען פלוצים ארעסטירט געווארען 4 פוילישע ארבייטער, וועלכע זענען ב'גוואלד צוגעשטעלט געווארען צו דער פוילישער גרעניץ.

אלס סיבה פון ארעסט גיט די פאליציי אן: „פיינדליכע שטימונג לגבי דער נאציאנאל סאציא־ליסטישער מלוכה".

די ארעסטירטע האבען געוואוינט אין דייטש־לאנד 30 יאהר און האבען בעזעסען בעשייניגונגען וואס האבען זיי בערעכטיגט צו ארבייטען פריי.

היטלער=אקאדעמיקער „שטודירען" די פוילישע גרעניץ

ב ו י ט ע ן, 20 (ספ. טעל.)

אין בויטען האט בעוויילט אנ'אויספלוג פון היטלער-אקאדעמיקער פון געטינגן אין בעשטאנד פון 30 מאן, וואס געהערען צו די שטורם אפטיילונגען.

פרייטאג ביינאכט איז דער אויספלוג ארומגע־פאהרען מיט אנ'אויטאבוס איבער דער גאנצער גרעניץ מיט'ן טארנאוויץ, קאטאוויצער און ריבני[ק]ער קרייז.

מיט א מאפע אין די הענט האבען די שלע־זישע היטלעריסטען דערקלערט פאר די אקאדעמי־קער דעם איצטיגען לויף פון דער פויליש דייטשער גרעניץ.

דער אויספלוג איז דערנאך אפגעפאהרען קיין זשאבושא.

אויף דער דייטשער גרעניץ קומען אזעלכע אויספלוגען איצט פאר סיסטעמאטיש.

הסכם צווישען מוסאליני'ן און דאלפוס'ן

רוים, 20 (ספ. טעל.)

די „סטעפאני"־אגענטור פארעפענטליכט פאל־גענדען קאמוניקאט:

בעת'ן נייעם צוזאמענטרעפען זיך אין ריטש־טשיאנע צווישען דעם קאנצלער דאלפוס און מוסאלי־ני'ן איז גענוי בעטראכט געווארען די פאליטישע סיטואציע פונ'ם אלגעמיינעם שטאנדפונקט און פון איטאליענס ספעציעלע בעדינגונגען.

דאלפוס האט פארגעשטעלט די סיטואציע פון עסטרייך פון אינערליכען און אינטערנאציאנאלען שטאנדפונקט, בעטראכט פון פראגע פון עסטרייכס אומאפהענגיגקייט, און אויסגעדריקט דעם פעדר־לאנג צו קאנטינואירען די שלום - פאליטיק און צוזאמענארבייט מיט אלע שכנים, ספעציעל מיט איטאליען און אונגארן, און אויף דער ווירטשאפטליכער מיט דייטשלאנד".

ביידע מלוכה־מענער האבען צום סוף פון זייער געשפרעך פעסטגעשטעלט, אז צווישען זיי איז דא א הסכם אין די אנשויאונגען לגבי די בעטראכטע פראבלעמען.

מיט וואס דייטשע סאציאל־דעמאקראטען דערקלערען היטלער'ס נצחון?

פאריז, 20 (ספ. טעל.)

דער אויספיהרונגס־קאמיטעט פון צווייטען אינ־טערנאציאנאל האט אונטערן פאריז פון וואנדער־ווועלדע אפגעהאלטען א 2־טאגיגע בעראטונג גע־ווידמעט דער צוגרייטונג פון דער קאנפערענץ.

בייַ דעם אנטייל פון 60 דעלעגאטען האט אנגעהויבען זיין רעפעראט דער גענעראל־סעקרע־טאר אדלער א. ד. ט. פון דער וועלט־סיטואציע פון סאציאליזם ובפרט וועגען דעם גורל פון דער דייטשער סאציאל - דעמאקראטיע.

וועגען דעם לעצטען האט זיך אנטוויקעלט א ברייטע דיסקוסיע, בעת וועלכער די דייטשע דע־לעגאטען האבען פערענטפערט זייער טאקטיק בעת דער היטלער־איבערקעהרעניש דערמיט, וואס היט־לער האט באר דערפאר דערגרייכט די מאכט, ווייל ער איז געפונען אן אונטערשטיצונג און אין זייט פון דער פאליציי און רייכסווער, און פון דער צווייטער זייט — מצד די קאמוניסטען. ברוינס פרייסישע רעגירונג איז דעריבער געווארען מאכט־לאז.

צוואנגס־פאבאר פון דייטשע סטודענטען אין דער שפיאנאזש־דינסט

ווין, 20 (ספ. טעל.)

די ווינער פרעסע ברענגט א זעהר כאראק־טעריסטישע ידיעה פון בערלין, לויט וועלכער די לייטונג פון היטלעריסטישען סטודענטען־פערבאנד האט אויפגעפאדערט אלע סטודענטען, וואס פאהרען ארויס זיך לערנען אין אויסלאנד, זיי זאלען אנגע־בען זייערע גענויע אדרעסען, מחמת זיי וועלען צו־געטיילט ווערען צו דער היטלעריסטישער איבפאר־מאציע־דינסט, וואס האט דעם צוועק צו פער־שפרייטען אין אויסלאנד די היטלער־פראפאגאנדע.

אין שייכות מיט זייער מיסיע וועלען די בע־קומען א בפרוטות'דיגען מאטעריאל פון דער פער־באנד־לייטונג.

איטאליע האט חשק

אפצוציהען דעם טשעכישען אימפארט פון גדיניע

פאריז, 20 (ספ. טעל.) פון ערנסטע אי־טאליענישע קוועלען דערוויסט מען זיך, אז בקרוב זאלען פערפיהרט ווערען צווישען רוים און פראג אונטערהאנדלונגען, כדי אפצווענדען דעם טשע־כישען עקספארט און אימפארט פון האמבורג, דאנ־ציג, גדיניע, און צו ווענדען איהם אויף טריעסט.

איטאליען וועט פארלייגען דער טשעכאסלא־וואקיי בינסטיגע פארט בעדינגונגען און אויסאר־בייטען פאר איהר הנחהדיגע טראנזיט תנאים דורכן טעריטאריום פון עסטרייך.

אויף אזא אפמאך ווערט אין רוים געלייגט פיל אויפמערקזאמקייט צוליב עקאנאמישע און פא־ליטישע טעמים.

פערטרעטענדיג דורך דער אייגענע השפעה די אלץ שוואכער ווערענדע השפעות פון פראנקרייך אין דער טשעכאסלאוואקיי, מאכט איטאליען לויז דעם בונד פון די קליינע אנטאנט מלוכות, און פערפעסטיגט דערמיט איהר דאמינירענדע פאזיציע אין דרום מזרח אייראפא.

היטלעראוועצעס האבען ארע־סטירט איינציגע ליטווישע יודען

בערלין, 20 (ספ. טעל.) די פאליציי אין טילזיט האט די לעצטע טעג ארעסטירט 20 פערזאן און צווישען זיי איינציגע ליטווישע יודען, אונטערן פארוואורף פון עובר זיין אויפן פערבאט ארויסצופיהרען דעוויזען.

מיט זיי זאלען האבען געארבייט בשותפות די באהן־קאנדוקטארען אויף דער ליניע: בערלין — טילזיט — ריגא.

העריא קומט קיין ווארשא דעם 8. סעפטעמבער

ליאן, 20 (ספ. טעל.)

ארומרעדענדיג די רייזע פון העריא קיין סאוויעט־רוסלאנד, גיט די היגע פרעסע אן אז אויף צוריקוועגס וועט זיך העריא אפשטעלען אין ווארשא אנ'ערך דעם 8 ק. ח.

א נייער יודען־פערבאט

בערלין, 20 (ספ. טעל.)

„בערלינער טאגעבלאט" איז מודיע, אז די געמיינדע גראסגרינדלאן אין פראנקאניא האט איינ־שטימיג בעשלאסען צו פערווערען דעם איינטריט פון יודען אין דארף אריין.

1268 יודען איינגעוואנדערט קיין א"י אין חודש יוני

ירושלים (יט"א) לויט'ן אפיציעלען רע־גירונגס־בעריכט, וואס איז היינט פערעפענטליכט געווארען האבען אין משך פון חודש יוני ה. י. איינגעוואנדערט קיין ארץ־ישראל 1364 פערזאן, דערונטער 1263 יודען. צווישען די יודישע עולים זענען געווען 227 קאפיטאליסטען.

ארטאפעדישער אנשטאלט

פראטעזען, גארסעטען, אר־טאפעדישע אפאראטען אלער ארט, לייכטע פלאט־פוס־איינלאגען געגען פיס־שמערצען אלס נאך גיפס־אבדרוק.

Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović

פיעטריקאווער 119, טעל. 231-81

לאדזער נייעס

אנ'ערך 15 כוליגאנעס בעפאלען א 13 יאהריג קינד און פערוואונדען עס אין קאפ

בעת מיטפאהרען מיט זאכען פון ווישניאווא גורא, זענען נעבען פאמארסקא 138 א גרופע כו־ליגאנעס פון אנ'ערך 15 פערזאן בעפאלען און שווער פערוואונדעט אין קאפ די 13 יעהריגע לאלא ליפא (פון לימאנאווסקיגא 11).

מען האט ביי איהר דערביי צוגערויבט דעם פעקלען.

די ארויסגערופענע פאליציי האט שוין די כוליגאנעס נישט געטראפען.

דער פערוואונדעטער מיידעל האט ערטיילט ערשטע הילף די „לינת הצדק".

אז עס קאכט דער כעס

גיסט זי איהם אויס אין דער פארם פון א טאפ קאכעדיג וואסער

(א) סטאניסלאווא זשעליחא (אבראמאווסקיע־גא 12) האט צוליב לאנג געהאט און בעהערט איהר שכנה'טע פלארענטינא ענגעלהארדט, אז די לעבט מיט איהר, סטאניסלאוו'ס מאן, ביז — אלע „קר־מאטעס" האבען די פלארענטינא אנגעהויבען צו ווייכען, ווי עסט א נישט־דא־געהאכט, און ביז — נעכטען האט די בערערטע פלארענטינא גע־כאפט א טאפ קאכעדיג וואסער פון קיך א"ע, און א פליוך געטון מיט'ן גאנצען אימפעט דער ריבילות'־ניצע אין פנים אריין.

אפגעבריהט געווארען איז נישט נאר די פאני סטאניסלאווא נאר אויך א צווייטע שכנה'טע די פאני סטאשיאקאווע וואס האט מיט איהר געמר־טעלט אויף די טרעפען.

מען האט צו זיי גערופען פאגאטאווע, און צו דער ענגעלהארדט — פאליציי.

ראדיא־פראגראם

מאנטאג, דעם 21 אויגוסט 1933

11,30 טר. פון ווארשאווער פאליטעכניקום. 11,38 קאמוניקאט. 1,40 קאנצערט. 1,55 ידיעות 2,55 גראמאפאן. קאמוניקאטען פון לאדז. 4 מוזיק פון טשעכאטשינעק. 5 שמועסען פון דער פראנצוי־זישער שפראך. 5,15 קאנצערט. 6,15 רעפערעט. 6,35 גראמאפאן. 6,50 שמועסען וועגען מארשאל פילסודסקיס ערויסגעגעבענע שריפטען. 6,55 אוי־דיציע. 7,20 פערשידענעס. 7,40 פעליעטאן. 8 אפערע פון גראמאפאן פליטען, בעת די פויזעס קאמוניקאטען. ספארט ידיעות 10,45 טאנץ מוזיק

פון אויסלאנד

8 — דאווענטרי — וואגנער אווענד 8,30 מיילאנד — אפערע. 9 — ברויסעל—סימפ. קאנצערט 10,20 קאפענהאגען — סימפ. קאנצערט.

הכנות צום גרויסען יום־טוב פון גייסטיגע ארבייטער

(2) עהרענטעכען איז אין אז. ז. ז. פ. או. פאר־געקומען א זיצונג פונ'ם ענגען קאמיטעט ביי דער ארגאניזאציע וועגען ארגאנזירען דעם „אנגע־שטעלטען־טאג", וואס דארף פארקומען אינ'ערשטען חודש סעפטעמבער ה. י. און זאל זיין א גרויסע מאניפעסטאציע פון גייסטיגע ארבייטער.

אין דעם פראגראם פון אנגעשטעלטען־טאג (דושיצען פראצאוניקא) וואס וועט ארגאנזירט אויף א ברייטען אופן קענען פארגעזעהען: אקאדעמי־עס, מאניפעסטאציע פון אנגעשטעלטען־ארגאני־זאציעס, ספארט־אימפרעזעס א. א. וו.

די גרויסע זומער פרעסע־רעדוטע

מאסקען־באל אונטערן פרייען הימעל

שבת, ד. 26־טען אויגוסט ד. י. קומט פאר אין „העלענאוו" די איינציגע אינטימע און מיט גרויס שפאנונג דערווארטעטע זומער פרעסע־רעדוטע.

אין פראגראם זענען פארגעזעהען אלערלעי אט־ראקציעס. ווי: ספארט־פעסטיוואל, מאסקען־באל אוט טערן פרייען הימעל פרעהליכע ארטיסטען־רעוויע א. אנד. אויף אלע אימפרעזעס וועט גילטיג זיין נאר איין בילעט.

ד"ר מעד.

מ. העלער

ספעצ. פאר הויט און ווענערישע קראנקהייטען און מענער־שוואכע

צוריקגעקעהרט

8 טראוגוטא 8, טעל. 17989.

נעמט אן ביז 10 פריה און פון 4—8 אוו.

פאר פרויען א ספעציעלע ווארטע־זאל.

אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזען

יודיש טעאטער „פילהארמאניע"

נארוטאוויטשא 20, דיר.: ד. צעלמייסטער

פאזיטיוו לעצטע 7 גאסטשפילען! היינט, מאנטאג 9 אווענט

לעצטע פאלקס־פארשטעלונג

צו זעהר ביליגע פרייזען. היינט, לעצטער ביליגער מאנטאג גאסטשפילען פון דעם גרויסען אמעריקאנער גאסט, דער שטאלץ פון דער יודישער אפערעטע

מיכאל מיכאלעסקא

מיט דער פענאמענ. פרימאדאנע בעטי סימענאוו

אין דער גרויסער אויסערגעוו. אימפאזאנטער אפערעטען־שלאגער אין 3 אקטען, (6 בילדער), 30 נומערן געזאנג און טענץ, רעקארד־שלאגערס איינס־ביי־איינס

דער לעצטער טאנץ

אין דער אפערעטע „דער לעצטער טאנץ" נעמען אנטייל איבער 50 פערזאן, א טעמפא־צוזא־מענשפיל פון די בעסטע יודישע ארטיסטען אין פוילען. א פערגרעסערטער כאר, באלעט־ארקעסטער. דער סך־הכל: דאס שענסטע פון שענסטען, דאס בעסטע פון בעסטען, אזא פאר־שטעלונג האט מען נאך אין לאדז נישט געזעהען. :—: קומט און איבערצייגט אייך!

פריי־קארטען און הנחה־בילעטען נישט גילטיג.

איינקויף

פון גאלד זילבער בריליאנטען ביושוטעריע און לאמבארד = קוויטעם צו די אלערהעכסטע פרייזען געוויסענהאפטע בעדינונג.

I. SOŁOWEJCZYK

פיעטריקאווער 27

(פריער שרודמיעסקא 5)

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע בעלפער צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אומפערגעסליכען מאן און פאטער

אהרן יודעל בעלפער נ"ע

זיים געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

יצחק ניסענבוים און פרוי.

אנאנסן

— אין —

נייעם פאלקסבלאט

האבען דעם

גרעסטען ערפאלג.

Z intencji zaślubin

p Szymona Neuhausa

z p.

Helą Silberfreundówną

najserdeczniejsze życzenia składa

Ignacy Pomeranc.

דער פערמיטלער־פערבאנד

69 פיעטריק. 69

(פריהער פיעטרקאווער 41)

די קאנצעלאריע איז טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אווענד

מאכט בעקאנט, אז די מעקלערס, מיטגלי־דער פון אונזער פעראיין עמפפעהלען א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

וואוינונגען און לאקאלען

סאלידע און רעעלע בעהאנדלונג.

בעמערקונג: דער פעראיין איז נישט פעראנטווארטליך פאר די מעקלערס פון פיעטרקאווער 41.

Dr

Wajnberg

ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלעראז־קראנקהייטען

צו לעטשניצע־פרייזען

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145

טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4, 8—9 אוו.

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

קלעפסידרעס

צו זעהר ביליגע פרייזען

נעהמט אן די דרוקעריי פון

„נייעם פאלקסבלאט"

די קלעפסידרעס ווערען אין משך פון 1 שעה אויסגעפערטיגט און פגאנדערגעקלעבט איבער שטאט.

פאר

גאלד, ביושוטעריע

און לאמבארד־קוויטעם צאהלט די העכסטע פרייזען

אליזאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7.

לאדז, 21 אויגוסט 1933

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 21 אויגוסט 1933

אויפלעבונג פון א פייערליכער טראדיציע

צו דער היינטיגער ערעפנונג פון 18-טען ציוניסטישען קאנגרעס

דער אבצעהנטער ציוניסטישער קאנגרעס, וועלכער ווערט היינט געעפענט אין פראג, וועט זיין די ערשטע גרויסע יודישע רעפרעזענטאטיווע פערזאמלונג, וואס קומט זיך צונויף אין דעם לויפענדען היסטארישען און פאלגען-שווערען יאהר פאר דעם גאנצען יודישען פאלק. דער קאנגרעס וועט שטיין אונטערן צייכען פון געוואלדיגען נצחון, וועלכען עס האט אפגעהאלטען די פינסטערע רעאקציע אין דייטשלאנד, דעם אויסראטונגס-קאמף, וועלכען דער היטלעריזם האט אנגעקינדיגט די יודען נישט בלויז אין דייטשלאנד, נאר אומעטום וואו עס איז פאראן א יודישער ישוב. דער גרויסער סכנה, אז דער סם פון היטלעריסטיש-דייטשען פסיכאפאטישען יודען-האס זאל זיך נישט אריבער ווארפען אין אלע אנדערע לענדער. אפילו די שווערע אינערליך-ציוניסטישע פראבלעמען, וועלכע דער קאנגרעס וועט האבען צו לעזען, וועלען אויך זיין אין א געוויסער מאס אן אפשפיגלונג פון די אלגעמיין-פאליטישע געשעהענישען, פון געוואלדיגען קאמף אין נייע פארמען, אין וועלכען עס שטייט איצט די וועלט, דער קאמף געגען די בארבארישע אויסווירקונגען פון פאשיזם. ווייל דער דאזיגער קאמף האט, בעוואוסט אדער נישט, געהאט זיין השפעה אויך אויף דער יודישער גאס, אויף די ריכטונגען, וועלכע קעמפען אין ציוניזם. די דעמאגאגישע פראזע פון שאוויניסטיש-פאשיסטישען נאציאנאליזם האט אויך דא געפונען אנהאנג. אויך דא זענען פאראן עלעמענטען, וועלכע הור'ן איבער אינאיינעם מיט די פלאכקעפ פון די אנדערע לענדער די טעמפע פראזען וועגען „קאמף געגען קלאסען-קאמף", וועגען „רויטען טעראר" און „אויסראטונג פון דער רויטער שמאטע". אט דער גרויסער, פוסטער און אונגוציגער טומעל, וואס האט זיך געטראגען איבער דער יודישער גאס, אין דער צייט פאר דעם קאנגרעס, פון די וואהלען צום קאנגרעס, די ליידענשאפטען וועלכע האבען זיך צוקאכט אין צוזאמענהאנג מיט דעם מארד אין תל-אביב, וועט מוזען אויסגעטומלט ווערען אויפ'ן קאנגרעס ביז עס וועלען זיך פון איהם ארויסשיילען יענע ערנסטע, גרויסע, ווירדיגע ווערטער און בעשלוסען, אויף וועלכע עס ווארט דער יודישער כלל.

אויף דער טאג-ארדנונג פון קאנגרעס געפינען זיך 30 פונקטען. אבער זיכער איז דער וויכטיגסטער דער פונקט וועגען דער לאגע פון די יודען אין דייטשלאנד און דער ציוניסטישער פאראנטווארטונג פון דער פראגע. די פראגע איז די צענטראלע אומעטום, וואו עס קומט זיך צונויף א יודישער קיבוץ. אין דער דאזיגער פראגע האט זיך קאנצענטרירט אין דער סאמע קאנדענסירטער פארם דאס גאנצע יודישע פראבלעם. דערפיהלענדיג, אז עס האנדעלט זיך וועגען די גרעסטע ווערטען, וועגען דעם עצם קיום, האט דאס יודישע פאלק זיך מאביליזירט, איז סטיכיש ארויס אין קאמף און אלס אויסדרוק פון דער סטיכישער בעוועגונג איז געווען דער באיקאט, אנטקעגען דעם היטלעריסטישען דייטשלאנד. צו וועלכען יודען פון אלע לענדער זענען צוגעטרעטען. אט דעם קאמף וועלען די יודען אונטער קיין שום אומשטאנדען נישט אויפהערען, זיי וועלען זיך פאראייניגען מיט אלע כוחות, וואס האבען זיך געשטעלט דעם ציל צו בעקעמפען און צו שטירצען דעם איצטיגען דייטשען רעזשים. ווייל דער רעזשים בעדייט די אומברענגונג פון די יודען אין אלע מעגליכע פארמען און אופנים. די יודען אין דייטשלאנד אונטער'ן רעזשים פון היטלערן דראהט מאראלישער און פיזישער טויט, אזוי האט אין א שווערען ווייטאג, אבער אין קאלטער אכזריות פון א פאראנטווארטליכען פובליציסט און געלעהרטען קאנסטאטירט אנגע קענער פון די דייטשע פערהעלטנישען ווי עס איז פראפ. געארג בערנהארד. פון די דייטשע יודען וועלען זיך ארויסראטעוועז נאר די, וועלכע וועלען דאס לאנד בעצייטענס פערלאזען. און אויב אזוי, שטייט די פראגע: וואס וועט זיין מיט די דייטשע יודען? די פראגע, וועלכע איז ברענענד פאר די יודישע קיבוצים אין פיל אנדערע לענדער, וואו עס קומט פאר דער אומדערבארעמדיגער פראצעס פון פעראָרימונג, פון פערשטויסונג אויף אלע געביטען, שטייט מיט איהר בלוט-פייערדיגער שארפקייט בעזונדערס בנוגע די יודען פון דייטשלאנד.

פאר די יודען פון דער גאנצער וועלט שטעהען די פראגען: ווי אזוי זאל ווייטער זיין דער ענטפער אויף דעם ברוטאלען פערניכטונגס-קאמף, וועלכען דער רעזשים פון גערינג'ן און געבעלס'ן האט ערקלערט די דייטשע יודען? ווי אזוי זאל ווייטער געפיהרט ווערען דער אפוועהר-קאמף? וואסערע פארמען זאל אננעהמען דער בויקאט? ווי אזוי זאל געהן אונזער אקציע אויף דעם אינטערנאציאנאלען געביט? ווי אזוי זאלען מיר ווירקען אויף די אינטערנאציאנאלע פאקטארען, אז זייער דערוועקטע סימפאטיע צוליב דעם בארבאריזם פון ראסען-אינסטינקטען זאל פערוואנדעלט ווערען אין טאט און זאל נישט בלייבען אין די גרעניצען פון שעהנע פראזען? ווי אזוי זאל מען זיכערען דעם אנזעהען פון די יודען אלס נאציע, דעם אנזעהען, וועלכען דער היטלעריזם פרובט מיט אלע מיטלען צוצוטרעטען און וועלכער ווערט בעטראכטען דורך די היטלער-אנהענגער אין די אנדערע לענדער?

וואוּנהין און ווי אזוי זאל מען לענקען די שוין ארויסגעוואנדערטע יודען פון דייטשלאנד און די, וועלכע וועלען אין דער נאהענטסטער צייט זיין געצוואונגען ארויסצוּוואנדערן, פונקט אזוי ווי די צעהנדליגער טויזענדער יודען און יודישער יוגענד פון אנדערע לענדער, וועלכע שטעהען ראטלאז און ווייסען נישט ווי אזוי צו פערווענדען זייערע פיזישע און גייסטיגע כוחות? אויף וועלכע יסודות זאל געבויט זיין דאס סאציאל-פאליטישע און ווירטשאפטליכע פראגראם פון אויפבוי?

ביי א פאלק, וואס איז אָרגאניזירט אין א מלוכה, ווערען די פראבלעמען פערענטפערט אויף א שטאטליכען, דאס הייסט צוואנגזאמען אופן, פערפליכטענד פאר אלע מיטגלידער פון פאלק. ביי יודען איז דאס נישט דער פאל. וואלט עס אזוי בעווען, דאן וואלט די שפראך פון היטלערן און געבעלסן געווען זיכער אנדערש אנטקעגען די יודען, דאן וואלט היינטער די יודען געשטאנען עפעס א ממשותדיגע מלוכהשע קראפט, דאן וואלט די היטלעריסטישע בעסטיע, וועלכער עס אימפאנירט בלויז די שפראך פון פויסט, אנדערש זיך בעצויגען צו די פארשטייער פון דער „מינדערווערטיגער ראסע".

די ציוניסטישע ארגאניזאציע שפילט ביי יודען די ראלע פון דער מלוכה אונטערוועגס. זי איז איינגעארטיג און אָריגינעל, פונקט ווי אלץ ביי יודען איז איינגעארטיג, פונקט ווי די פערפאלגונגען, אויף וועלכע זיי זענען אויסגעשטעלט. די ענטפערס, וועלכע אט די מלוכה קאן געבען, קאנען נים אונטערשטיצט ווערען מיט יענעם כח, מיט וועלכען עס דיספאנירט אנ'אנדערע מלוכה. די תשובות זענען אין דער בעדייטענדער מאס אפהענגיג פון אנדערע, דריטע פאקטארען. אבער די ציוניסטישע אָרגאניזאציע איז צווישען יודישען בירגערטום די איינציגע, וועלכע בעזיצט קלאהרע צילען, ווילען און ענערגיע, וועלכע פרובט אין גרויסען סטיל פערענטפערן די יודישע פראגע אין איהר גאנצען פערנעהם. וועלכע האט צו פערצייכענען גרויסע ערָאבערונגען און וועלכע איז אינטערנאציאנאל און פעלקעררעכטליך אנערקענט.

דעריבער איז פערשטענדליך דער אינטערעס וועלכען דער איצטיגער קאנגרעס רופט ארויס ביי די יודען פון דער גאנצער וועלט, אומאפהענגיג פון זייער ארגאניזאציאנעלער בעציהונג צום ציוניזם. פון ציוניסטישען קאנגרעס ערווארט מען אן ענטפער אויף די ברענענדיגסטע פראגען, וועלכע פלאגען דאס יודענטום ביים היינטיגען טאג.

אויף די קאנגרעסען איז אמאל געווען א טראדיציע אויסצוהערען א רעפעראט פון ד"ר נארדוי וועגען דער לאגע פון די יודען אויף דער גאנצער וועלט. דער גרויסער שילדערנדער טאלאנט פון נארדוי'ען, האט די בעריכטען פערוואנדעלט אין גראנדיעזע היסטארישע אנקלאגעס און תביעות פון יודישען פאלק פארן פארום פון דער גאנצער מענשהייט. דער היינטיגער טאג איז מעהר ווי שטענדיג געאייגענט פאר דער אויפלעבונג פון דער דאזיגער פייערליכער טראדיציע.

פ. פ. ס.

אחריות'פולע שטעלונג

דער שטאנדפונקט פון דער גרעסטער קאנגרעס-פראקציע

די ארבייטער-פראקציע וועט זיין די גרעסטע פראקציע אויף דעם ציוניסטישען קאנגרעס. די צאהל פון איהרע דעלעגאטען וועט דערגעהן ביז 40 פראצענט פון אלע קאנגרעס-דעלעגאטען און וועט זיך אפשר דערנענטערן ביז 50 פראצ.

ס'איז נישט אנצונעמען, אז די ארבייטער-בעוועגונג וועט געהן צו דעם דאזיגען קאנגרעס מיט דער כוונה איהם צו „בעהערשען" אהן גרעניצען און נישט רעכענדיג זיך מיט די אנדערע טיילען פון דער בעוועגונג. איהרע נומערישע כחות זענען נישט גענוג דערפאר, און חוץ דעם — די דאזיגע זאך איז נאך וויכטיגער פון דער ציפערן-פראגע און זי וואלט זיך נישט געווען א סך געענדערט, אויב זייער צאהל וואלט געווען דערגאנגען ביז צו אנ'אבסאלוטען רוב — דער פרייוויליגער כאראקטער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, דער מאנגעל פון יעדען פאליטישען צוואנג-מיטעל אין די הענד פון ציוניסטישען קאנגרעס פערפליכטען דעם זיגער צו א גרעסערער פאראנטווארטליכקייט. דער גורל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז איבערגעגעבען געווארען אין די הענד פון די ארבייטער, וועלכע האבען תמיד געקעמפט פאר איהר גאנצקייט און די דאזיגע גאנצקייט וועט תמיד שטעהן אין שפיץ פון זייער זארג אויך אין דעם דאזיגען מאמענט פון זיג און דערפאר איז נישט קיין ספק, אז די ארבייטער-פראקציע וועט זיין גרייט צו א קאאליציע מיט אלע לעבעדיגע און בויערישע כחות אין דער ציוניסטישער בעוועגונג.

און ס'איז אויך נישט אנצונעמען, אז די ארבייטער-פראקציע וועט צוטרעטען צו איהר אויפגאבע פון „אנ'ענגען קלאסען-שטאנדפונקט". די דאזיגע אייגענשאפט איז אייביג געווען ווייט פון דער א"י'דיגער ארבייטער-בעוועגונג, אפילו אין דער צייט פון דערשלאגענקייט און אפגעזונדערטקייט, ווען עס איז געווען לייכט און גינסטיג זיך אפצוזאגען פון די זארגען פון כלל און זיך אפצושליסען אין די ד' אמות פון איין קלאס. נאכמעהר ווען די ארבייטער-בעוועגונג זיך אפהיטען פון אזא אפשליסונג אין דער צייט פון נצחון, וועלכען זי האט צו פערדאנקען די פאלקס-מאסען מיט אלע זייערע שיכטען און קלאסען.

אבער דאס הייסט נישט, אז מיר מעגען זיך נישט בענוצען מיט דעם צוטרוי פון פאלק, אז מיר מעגען פערווישען אונזער כאראקטער, זיך צופאסען צו א יעדען פערבינדעטען. דער דאזיגער צוטרוי איז אונז נישט געגעבען געווארען אומזיסט, נאר צוליב אונזער בעשטימטען געזעלשאפטליכען כאראקטער. ווען דער ציוניסטישער וועהלער האט געשטימט פאר דער ארבייטער ליסטע, האט ער געהאפט און דערוואַרט, אז די בעוועגונג און דאס ווערק וועלען געפיהרט ווערען אין זייער גייסט און לויט זייער פלאן. צו זיין געטריי דעם דאזיגען גייסט און צו דעם דאזיגען פלאן, דאס איז א געבאט פון פאליטישען יושר און אויך א געבאט פון פאליטישען פערשטאנד. ביי דער דאזיגער אפשטימונג פאר דעם ארבייטענדיגען א"י האבען די וועהלער געזאגט: מיר געפונען נישט קיין בעפרידיגונג אין דעם „אלגעמיינעם" ציוניזם און אין דעם ציוניזם פון „מזרחי" און אין דעם ציוניזם פון די רעוויזיאניסטען, מיר פאדערן די בענייאונג פון דער בעוועגונג. די ארבייטער-בעוועגונג מאר נישט ענטוישען די דאזיגע האפנונג צו בענייאונג, צו אויפוואכונג, צו א נייער ליניע אין יודישען ווערק.

דער רעזולטאט דערפון: זארג פאר דער גאנצקייט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. נישט בלויז פאר א פארמעלער גאנצקייט, נאר פאר אנ'אינערער גאנצקייט. רעכנונג מיט די פערשידענע טיילען פון דער בעוועגונג, אנ'ערליכע גרייטקייט צו א שותפות'דיגער טעטיגקייט, רעזיגנירונג פון א יעדען הערשער-געדאנק, א גרויסע זארג פאר אלע טיילען פון פאלק אין די ראהמען פון א"י'דיגען ארבייטער-ווערק. און דערביי:

א קלארע און שטארקע ליניע אין דער ציוניסטישער בעוועגונג און אין א"י'דיגען ווערק, א קלארער און שטארקער טעטיגקייטס-פלאן, בעניטע בעדינגונגען פאר א בשותפות'דיגער ארבייט, בעדינגונגען, וואס רעזולטירען פון דער דערקענטניש פון דער פאראנטווארטונג. וואס עס האט אויף אונז ארויפגעלייגט דער נצחון ביי די וואהלען און אויב עס וועלען זיך געפונען ערליכע שותפים פאר דער דאזיגער ריכטונג און פאר דעם דאזיגען פלאן, אויב אונזערע בעדינגונגען וועלען אנגענומען ווערען, טא וועט דער 18. קאנגרעס זיין א דעצידירענדער קאנגרעס אין דער ציוניסטישער בעוועגונג — א רעטונגס-צוזאמענפאהר פון דער בעוועגונג און א פערשטארקונג פון איהרע כחות און ווערק. (דבר)

היטלער איז שולדיג אין די פערברעכענס

די בעשולדיגונג פון עסטרייכישען פירשט שטארעמבערג

מיט עטליכע טאג צוריק איז געווען געמאלדען, אז פירשט שטארעמבערג, דער פיהרער פון דער עסטרייכישער היימווער, וועלכער איז פריער געשטאנען זעהר נאהענט צו די נאציאנאל-סאציאליסטען, וועט ארויסטרעטען מיט א גרויסען בעשולדיגונגס-ארטיקעל געגען היטלערן און זיין פארטיי. איצט איז דער ארטיקעל, וועלכער ענטהאלט ווירקליך א ליידענשאפטליכען בעשולדיגונגס-אקט געגען די פיהרער פון רעזשים אין דייטשלאנד, פערעפענטליכט געווארען דורך דער פרעסע-אגענטור „אושאנס ליטעראר". מיר ברענגען פון דעם ארטיקעל א פאר שטעלען. שטארעמבערג שרייבט:

פאר די אויגען פון דער גאנצער וועלט בעשולדיג איך די איצטיגע דייטשע רעגירונג אין אנטיילנעמען אין דער ערמארדונג פון אלאיז זיסענעק. איך מאך אט די רעגירונג פאראנטווארטליך פאר'ן גאנצען בלוט, וואס איז פערגאסען געווארען אין משך פון די לעצטע חדשים.

די דייטשע רעגירונג ערלויבט, אז דייטשלאנד איז איצט געווארען דער מקום מקלט פאר אלע פאליטישע מערדער, וואס זענען אנטלאפען פון עסטרייך. די דייטשע רעגירונג דולדעט, אז די דייטשע מאכט זאל צונישט מאכען די בעמיהונגען פון עסטרייכישער יוסטיץ, כדי די דאזיגע פערברעכער צו ארעסטירען.

די דייטשע רעגירונג איז פאראנטווארטליך פאר דער וואהנזיניגער קאמפאניע, וועלכע האט זיך פונאנדערגעפענעט איבער עסטרייך אונטער דער פיהרונג פון די נאציאנאל-סאציאליסטען. די רעגירונג פון דייטשלאנד דארף וויסען, אז די עסטרייכישע טעראריסטישע ארגאניזאציעס האבען זייער שורש אין דייטשלאנד. אז זיי בעקומען פון דייטשלאנד הילף און אונטערשטיצונג.

ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען אויסער יעדען צווייפעל, אז די אינדיווידען, וועלכע האבען געמאכט אנ'אטענטאט אויפן ד"ר שטיידלע, זענען באלד אנטלאפען קיין דייטשלאנד און אז אונטערן פאטראנאט פון מיג. פראנק, איז פאר די דאזיגע אויסוואורפען און פאר אנדערע איינגעארדענט געווארען אין מינכען א וואוילטעטיגע פערוויילונג. איך בעשולדיג אלזא מיט דער גאנצער פאראנטווארטליכקייט די דייטשע רעגירונג, אז זי איז פעראנטווארטליך פאר די פערברעכענס, וואס ווערען בעגאנגען אין עסטרייך.

אבער דאס איז נישט אלץ. מיינע בעשולדיגונגען נעמען ארום אויך דעם קאנצלער אדאלף היטלער. ער איז מיטשולדיג אין דער ערמארדונג פון אלאיז זיסענבעק און אנדערע פערברעכענס, וועלכע ווערען בעגאנגען דורך זיינע מענשען. דער קאנצלער איז פעראנטווארטליך פאר דעם, וואס עס קומט פאר אין דייטשלאנד. דער דייטשער קאנצלער איז דער העכסטער פיהרער פון די עסטרייכישע נאצ. סאציאליסטען. דער קאנצלער האט קיינמאל נישט ערקלערט, אז איהם בינדט גארנישט מיט די באמבענווארפערס און מערדער.

מיר ערקלערען: מיר זענען גארנישט שטאלץ דערמיט, וואס היטלער איז געבוירען געווארען אין עסטרייך. מיר שעמען זיך מיט'ן דאזיגען דעגענערירטען קינד פון אונזער היימאט, וועלכער נוצט אויס זיין מאכט, כדי אונטערצונעמען א קרייץ-צוג געגען עסטרייך.

פאר דער גאנצער וועלט, פאר דער מענשליכער געשיכטע וועט היטלער מוזען אפגעבען א דין-וחשבון וועגען בלוט, וואס איז צוליב זיין שולד פערגאסען געווארען אין עסטרייך. מיט'ן פולען בעוואוסטזיין בעשולדיג איך דעם פיהרער פון דער נאצי-פארטיי אין אנטייל אין די פערברעכענס, וואס ווערען בעגאנגען אין עסטרייך.

איך בעשולדיג היטלער'ן, אז ווארפט דאס דייטשע פאלק אין די ארעמס פון באלשעוויזם, אז ער האט ארויסגערופען אין דייטשלאנד א נייעם רעליגיעזען קריג (קולטור-קאמף), וועלכער וועט דערפיהרען צו דער אפשוואכונג אדער אפילו צו דער פערניכטונג פון פאגאניזם. איך בעשולדיג איהם, אז ער האט אפגענארט און פערראטען די פאלקסמאסען.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

מאנטאג 21 כט מנחם אב תרצ"ג

אויגוסט

זון-אויפגאנג 4.28
זון-אונטערגאנג 6.49

א מאטשעיובקע און א גראנאט-העמדעל
ווי-אזוי עס דארף זיך אנטאן די שול-יוגענד?

(2) לויט ווי מיר האבען שוין בשעתו מיטגעטיילט האט דאס בילדונגס-מיניסטעריום איינגעפיהרט דעם חיוב פאר דער שול-יוגענד צו טראגען מונדירען.

איצט האט דער לאדזער שול-אינספעקטאריאט בעקומען א בפרטיות'דיגע אינסטרוקציע וועגען דעם דאזיגען ענין.

די מונדירונג ווערט איינגעפיהרט: פאר דער יוגענד פון מלוכהשע מיטעל-שולען, אלגעמיין-אויסבילדענדע, מלוכה'ש-פעדאגאגישע ליצעאום'ס, מלוכה'שע סעמינארען, און ליצעאום'ס פאר פארשול-לעהרערינס, און מלוכה'שע פראפעסיאנעלע שולען פון א גימנאזיאלע און ליצעאלע מדרגה.

א שילער דארף זיין אנגעטאן:

אין א טונקעל-גראנאטענע מאטשעיובקע, פולער פאסאן, אומגעזוימט ביים אויבערשטען נאט מיט דער קאליר פון דער שולע, א מעטאל-צייכען פון געפרעגטען בלעך — אין פראפעסיאנעלע שולען מיט דער ליטערא פון שולע-טיפ (אויסמעסטונג 28 מ"מ.) — א שווארצער לעדערנער דאשעק און א פאסעק מיט א ספראנטשקע. אין די זייטען גלאטע קנעפלעך פון ווייסען מעטאל. זומער-צייט ווערט רעקאמענדירט א לייווענטענער קאפעלוש פון נאטירליכען קאליר, סקויטען-פאסאן מיטן מעטאל-צייכען פון געפרעגטען בלעך — אין די פראפעסיאנעלע שולען מיט דער ליטערא פונם שול-טיפ (28 מ"מ.)

די מארינארקע דארף זיין א גראנאטענע, 2-רייהיגע, פערקנעפעלט אויף דריי קנעפלעך, אבער אזוי געמאכט, אז מען זאל זי קענען פערקנעפלען אויפן פערטען קנעפעל ביים האלז. דער שניט פון דער מארינארקע בעדארף צו זיין לייכט איינגעשניטען (ווטשיעגס), הינטען — גלאט, פארענט — 2 אונטער-קעשענעס מיט א פאסעק; די דריטע — די ברוסט-קעשענע דארף אויסגעפערטיגט ווערען מיט א ליסטעוועקע; דער ארבעל מוז פערענדיגט זיין מיט א מאנקעט, ארומגעזוימט מיט דער שול-קאליר; אויפן מאנקעט 2 קנעפעלעך: אין דער הויך דריי-פערטעל פון לינקען ארבעל דארף זיין א פאנצערל פון דער שול-קאליר — אין פראפעסיאנעלע שולען מיטן נומער און דער ליטערע פון דעם שולע-טיפ; די קנעפלעך ביי דער מארינארקע-פון ווייסען מעטאל, גלאטע.

דער קראוואט בעדארף צו זיין א טונקעל-גראנאטענער.

זומער-צייט ווערט רעקאמענדירט א לייווענטענע בלוזע, א ברייטע, וואס ווערט אריינגעלאזט אין די הויזען' מיט אנ'אויסגעלייגטען קאלנער פערקנעפעלט אויף דריי פערלמוטער-קנעפלעך, איין ברוסט-טעשעל, פארקנעפעלט, העמד-ארבעל, פערענדיגט מיט מאנקעטען אויף 2 קנעפלעך; אויף דער הויך דריי-פערטעל פון לינקען ארבעל — ארומגעזוימט מיט א פאדעם פון שול-קאליר, א פאנצערל אין קאליר פונ'ם לייוועגט מיטן נומער. אין פראפעסיאנעלע שולען — מיט'ן נומער און ליטערע פונם שול-טיפ, אויסגענייט מיט פעדים פונ'ם שול-קאליר.

די הויזען — טונקעל-גראנאטענע, קורצע, גענייט אין א פאסעק, פערקנעפעלט אונטער די קניע מיט צוויי טאשען (פערקנעפעלטע) פון הינטען. און פון פארענט א טעשעל אויף א זייגער. אדער ובפרט פאר א יום טוב'דיגען מלבוש. טונקעל-גראנאט הויזען לאנגע מיט א זייטען-וויפוסטקע (זוים) פון שול קאליר, מיט 2 הינטערשטע טאשען, פערקנעפעלטע און א פאדער-טעשעל אויף א זייגער.

זומער-צייט ווערט רעקאמענדירט גראנאט-הויזען. לייוועגטענע אדער וואלענע, קורצע, ביז די קניע — אויך מיט די טאשען.

זאקען אדער שקארפעטען טונקעלע.

שיך, אדער פאנטאפעל געשנירעוועטע, טונקעלע. זומער-צייט מעגען די שילער טראגען לייוועגטענע שיך.

דער פאלטען — א טונקעל-גראנאטענער, צוויי רייהיג, אויף 5 קנעפ, לייכט „ווטשיעגט", הינטען — א פאטעק לייכט געקורטשעט, 2 טאשען פון דעם פאטעק, די ארבעל פערענדיגט מיט א „מאנקעט" ארומגעזוימע מיט א „וויפוסטקע" פונם שול קאליר, אויף דריי פערטעל הויך פונם לינקען ארבעל — דאס פאנצערל אין דעם שול קאליר, ארומגעזוימט מיט א זילבערנעם פאדעם און אויף איהם מיט דעם זעלבען פאדעם אויסגעהאפטען דער נומער — אין די פראפעסיאנעלע שולען: דער נומער און די ליטערע פונם שול טיפ, דער מאנטעל גענייט ברייט מיט א קאנט, די קנעפ גלאטע פון ווייסען מעטאל.

שילערינס דארפען זיך אנטאן אויפ'ן פאלגענדען אופן

א טונקעל-גראנאטענער בערעט מיט א מעטאל-צייכען פון געפרעגטען בלעך. אין פראפעסיאנעלע שולען — מיט דער ליטערע פון שול-טיפ (28 מ. מ.)

זומער ווערט רעקאמענדירט א סקויטען-הוט.

א טונקעל-גראנאטענע בלוזקע, א לויזע, מיט א צוגעניייטען פאסעק, מיט אנ'אויסגעלייגטען קליינעם קאלנער, פערענדיגט מיט א מאנקעט, ארומגעזוימט מיט דעם שול-קאליר, פערקנעפעלט אויף 2 קנעפ, אין דער דריי פערטעל הויך פונ'ם לינקען ארבעל — א פאנצערל פון דעם שול-לאקאל א.א.וו. ווי ביי די שילער.

זומער-צייט — א לייוועגטענע בלוזקע, נאטורלער קאליר. פאר פייערליכקייטען א ווייסע בלוזקע פון דעמועלבען שניט.

דאס קליידעל טונקעל גראנאט, אין פאלדען, פארענט — א קאנטראפאלד 12 צ. מ. די ברייט.

זאקען, אדער שקארפעטען טונקעלע.

שיך אדער האלבע שיך געשנירעוועטע, טונקעלע אויף נידריגע אבצאסען אדער פאנטאפעל טונקעלע מיט א פאסעק, אויף טונקעלע אבצאסען.

א טונקעל גראנאטענער מאנטעל, איינרייהיג, גלאטער פאסאן, אויסגעלייגטער קאלנער, א פאסעק ארום, צוויי ארויפגעלייגטע טאשען, גלאטע ארבעל פערענדיגט מיט אנ'ארויפגעלייגטען מאנקעט, ארומגעזוימט מיט א „וויפוסטקע" פון שול-קאליר, אין דער הויך, דריי פערטעל אויפן לינקען ארבעל — א פאנצערל פון שול-קאליר ארומגעזוימט מיט א זילבערנעם פאדעם און מיט אויף איהר אויסגעהאפטענעם נומער מיט זילבער פאדעם; אין די פראפעסיאנעלע שולען — דעם נומער און די ליטערע פון דעם שולע-טיפ.

די קאלירען פון די שולען זענען פאלגענדע:

אלגעמיין-בילדענדע גימנאזיעס און פראפעסיאנעלע שולען פון גימנאזיאלער מדרגה — הימעל-בלוי; ליצעאומס פון דעם זעלבען מין און פון ליצעאלער מדרגה — קארמאזין; פעדאגאגישע ליצעאומס און פאר פארשול-לערערינס — גרין; סעמינארען פאר פארשול-דערציהערינס — העל-לילא.

די נומערן פאר בעזונדערע שולעס וועלען פעסטגעשטעלט ווערען דורך א בעזונדערער פערארדענונג.

די בעזונדערע שול-טיפען וועלען בעצייכענט ווערען אויפ'ן פאלגענדען אופן: H — האנדעלס שולעס; G — ווירטשאפטליכע שולעס; T — טעכנישע און אינדוסטריע-שולעס; R — לאנדווירטשאפט-שולעס.

שילער און שילערינס פון מלוכה-שולען זענען מחויב צו טראגען די פארגעשריבענע מלבושים אין דער שולע גופא און מחוץ דער שולע.

שילער פון 2-יאהריגע פראפעסיאנעלע שולען, פון דער גימנאזיאלער מדרגה, זענען פערפליכטעט בלויז צו טראגען די היטלען און די פאנצערלעך, און בעת דער שול-ארבייט אויך פארטוכער, און בעת דער ווארשטאט-ארבייט — אנ'ארבייטער-אנגעטועכץ.

די דאזיגע פארשריפטען וועלען רעאליזירט ווערען שטופענווייז, אין פאלגענדע 3 עטאפען:

א) אין אנהויב שול-יאהר 1933/4 — די פארגעשריבענע היטלעך, בערעטען אדער קאפעלושען; אויף די מארינארקעס, בלוזקעס, מאנטלען — די פאנצערלעך מיט די נומערן און ליטערעס.

ב) אין אנהויב שול-יאהר 1934/5 — די פארגעשריבענע מארינארקעס, בלוזעס, קליידער, הויזען (מיט אויסנאהם פון שילער פון דער לעצטער קלאס).

ג) אנהויב שול-יאהר 1936/7 — ווערען פערפליכטעט אלע אויסגערעכענטע שולען צו איינפיהרען די פארגעשריבענע מאנטלען.

די שטאטישע פינאנציעלע לאגע פערבעסערט זיך
געשפרעך מיטן רעגירונגס-קאמיסאר אין מאגיסטראט — אינזש. וואיעוואודזקי

אין צוזאמענהאנג מיט דער עקספאזע פון רעגירונגס-קאמיסאר אין מאגיסטראט אינזש. וואיעוואודזקי וועגען דער לאדזער ווירטשאפט, האט דער קאמיסאר געגעבען פאלגענדע אינפארמאציעס:

— די ערשטע אויפגאבע, האט דער קאמיסאר געזאגט — איז די קאנאליזאציע- און וואסער-לייטונג-פראגע, מחמת דאס איינפיהרען קאנאליזאציע און וואסער-לייטונג, וועט פערבעסערן דעם געזונד-צושטאנד פון דער בעפעלקערונג, און ווי בעוואוסט, איז מיט דיר. פראפ. ראסלאנסק געשלאסען געווארען אנ'אפמאך, לויט וועלכען דער לעצטער פערפליכטעט זיך ביז'ן 1-טען נאוועמבער פערטיג צו מאכען דעם פלאן פון דער וואסער-לייטונג.

וואס שייך די שטאטישע אינוועסטיציעס, ווערט איצט אדורכגעפיהרט די ארבייט ביים בויען דעם וועג לאדז — לאגעווניק, ביי וועלכע ס'זענען בעשעפטיגט 850 ארבייטער. א גרויסע ארבייט ווערט איצט אדורכגעפיהרט ביים איבערבויען די פלעצער בייביידע וואקזאלען. איצט טרעט מען צו צום ברוקירען מיט גראניט-שטיינער די פעטריקאווער גאס פון נארוטא ביז גלובנא. אויך די קאנאליזאציע-ארבייט מאכט גרויסע פארשריט.

א חוץ דעם ווערט געבויט א שולע אויף דער ראקאטשינער גאס, וועלכע וועט אפגעגעבען ווערען צום קומענדיגען שול יאהר.

ס'זענען אויך בעשאפען געווארען א גאנצע רייהע קאמיסיעס: פאר טעאטער, שטייערן ענינים א. אנד.

אין דעם געשפרעך, האט דער רעג. קאמיסאר ערקלעהרט, אז די שטאטישע פינאנציעלע לאגע טוט זיך שטופענווייז פערבעסערן. די בעפעלקערונג שטרענגט זיך אן אין צאהלט אלע פער פליכטונגען. אויף די פראגע פון די פענסיעס פאר די בעאמטע, טוט זיך לאנגזאם רעגולירען. די שטאטישע בעאמטע איז שוין אויסגעצאהלט געווארען פארן חודש יוני. די שווערסטע צייט וועט זיין אין די חדשים סעפטעמבער, אקטאבער און נאוועמבער, מחמת אין די חדשים וועט אויסגעפיהרט ווערען די אינוועסטיציע ארבייטען, און דער איינפלוס פון שטייערן איז ערשט שפעטער.

אויף א געוויסען טייל פון די אינוועסטיציע ארבייטען בעקומען מיר אונטערשטיצונג פון דער וואיעוואודזטווע, די רעשט דעקט די מאגיסטראט-קאסע.

— ס'איז נישט אמת — האט דער רעג. קאמיסאר ווייטער געזאגט — אז אלע בעאמטע זענען געקינדיגט געווארען, דאס איז נאר נוגע די פער קאנטראקטירטע בעאמטע פון וועלכע איין טייל איז שוין רעדוצירט, און די רעשט פערלאזען די פאס טענס איינציגווייז, אנהויבענדיג פון 1-טען סעפטעמבער ביזן 1-טען נאוועמבער.

צום סוף האט דער רעגירונגס קאמיסאר אויסגעדריקט די האפנונג, אז די לאדזער חירום שאפט וועט זיך פערבעסערן.

קלאנג-קינא
CAPITOL
היינט פרעזענטירען מיר
דאס פרעכטיגסטע מייסטערווערק פון אומגעוועהנליכען איגהאלט א. נ.
מאסקעס פון
Dr. FU-MANCZU
אומגעוועהנליכער מזרח-פילם פול גרויל און עמאציע, מיט דעם מייסטער פון דער אינפערגעסליכער מאסקע אלס פראנקענשטיין
BORYS KARLOFF
Myrna Loy, Lewis Stone, Jean Hersholt
אנהייב 5 נ"מ, שבת און זונטאג 12 בי"ם.

Dr. med.
L. Berman
צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען, מענער- שוועכע-בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג.
אלע ארט אנאליזען.
נעמט אן פון 8—11 און 4 -8 אוו. זונטאג פון 9- 1 בייטאג
פאר אונבעמיטעלטע — לבטשניצע-פרייזען.

רעגיסטראציע פון יאהרגאנג 1915

אויפן יסוד פון ארטיקעל 24 פון געזעץ פון 23 מאי 1924, וועט פון 1 ביז'ן 30 סעפטעמבער 1933 דורכגעפיהרט ווערען אין לאדז א רעגיסטראציע פון די מענער, וואס זענען געבוירען געווארען אין 1915.

די רעגיסטראציע קומט פאר אין לאקאל פון מיליטער-ביורא, פיעטריקאווער 165 (1 שטאק, פראנט) פון 8 ביז 15 א זייגער (3 בייטאג) און אין די שבתים-טעג פון 8 ביז 13 א זייגער. (1 בייטאג)

באהן-הנחות פאר האנדעלס-פערמיטלער

(2) לויט ווי מיר דערוויסען זיך, האט זיך די לאדזער האנדעלס-און-אינדוסטריע-קאמער ערהיבען (?) [illegible] מיט א גרויסען מעמאריאל צום באהן-מיניסטעריום וועגען ערטיילען בעדייטענדע באהן-הנחות פאר האנדעלס-פערמיטלער.

דאס מיניסטעריום זאל האבען מבטיח געווען צו געבען אזא הנחה פאר די האנדעלס-פערמיטלער אין דער הויך פון 33 מיט א דריטעל פראצענט פון די באהן-בילעטען.

דער שטרייק אין דער בוי-אינדוסטריע ווערט פערשארפט

(א) אויף דער בעכטיגע פערזאמלונג פון די בוי-ארבייטער איז'ם לאקאל פון „פראצא" איז, נאכ'ן אויסהערען א רייהע רעפעראטען, און נאך דער דיסקוסיע, בעשלאסען געווארען דעם שטרייק צו פערשארפען.

איבערגעפאהרען דורך אויטא'ס

(2) אויפ'ן שאסיי היבטער טאמאשאוו-מאזאוויעצקי, איז דער זעלנער אלעקסאנדער זאוואדא פון לוויטש, וועלכער איז געפאהרען אויף א באוער, איבערגעפאהרען געווארען דורך א פאסאזשיר-אויטא.

ביים זעלנער האט געפלאצט דער שארבען, און אויפ'ן ווען אין שפיטאל איז ער געשטארבען.

• • •

(א) אויף נאוואמיעסקא, נעבען נומער 17 איז איבערגעפאהרען אונטער אנ'אויטא דער 14-יאהריגער משה קויפמאן פון (פאלנאצנא) 9.

פאגאטאוויע האט איהם ערשטיילט די ערשטע הילף און אפגעפיהרט א היים.

דער שאפער האט בעוויזען צו ענטלויפען.

גרויסע דארפס-שרפה

(2) אין דארף כארושעיצע, פעטריקאווער קרייז איז אויסגעבראכען א גרויסע שרפה.

מיט'ן פייער זענען אוועק 10 הייזער, 13 שפייכלערס, און 16 שטאלען.

דער היזק בעטרעפט אנערך 80 טויזענד זלאטעס.

די סיבה פון דער שרפה איז דערווייל נישט פעסטגעשטעלט.

אפטייקען
היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: ק. לײנווער (פרייהייטס-פלאץ 2), י. הארטמאן (מליטארסקא 1), וו. דאנילעצקי (פיעטרקאווער 127), א. פערלמאן (ציגעל-גאס 32), י. צימער וואזשטשאנסקא 37), ס. וואיטשיצקי (נאפיורקאווסקיעגא 27).

א באנדיטען-אנפאל

(2) אויף ראקיטשינער גאס נעבען נומער 37 איז אנ'אומבעקאנטער פערשוין בעפאלען דעם 19 יעהריגען מאקס באגושעווסקי און געגעבען איהם עטליכע מעסער שטעך אין דער ברוסט.

דער אנפאלער איז באלד ענטלאפען, און די ארויסגערופענע פאגאטאוויע האט דעם פערוואונדעטען אפגעפיהרט אין ראדאגאשטשער שפיטאל.

Dr. Z. RAKOWSKI
ספעציאליסט פאר
אויערען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען
11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)
טעל. 127-81
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7
נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17
פון 1-11 און פון 2-3 נאכמ.

וואו די נדנים=שווינדלער שפארן ארט אן!

א פיפיגער חברה-מאן מאכט פליטה א שעה נאך דער חופה מיט׳ן נדן און פערשפילט איהם אין דער זעלבער נאכט אין א באלוטער מלינה

דאס יודיש גאסען=מיידעל ש. מ. איז ענדליך פערמיאוסט געווארען די שמוציגע פרנסה און זי האט דעריבער אנגעהויבען ערנסט צו טראכטען וועגען חתונה האבען און זיך נעמען צו פיהרען אג׳ארענטליך לעבען.

גראד האט זיך אזוי געמאכט, אז זי האט ארויסגערופען עפעס א פערביי־געהענדיגען טאפעצירער פון צימער׳ס גאס, אז ער זאל איהר פעררעכטען א צושעדיגטע קאנאפע. אין טראקט פון דער ארבייט האט דער טאפעצירער פערפיהרט א שמועס מיט דער בעל-הבית׳טע און דערוויסענדיג זיך וועגען איהר שעהנע בעשעפטיגונג, האט ער איהר גענומען ארייננבראקען א פארציע מוסר, הלמאי זי רייסט זיך נישט וואס שנעלער ארויס פון דער ברודיגער זומפ און ווערט נישט קיין לייט מיט מענשען צו גלייך.

די שטראף-רייד פון דאזיגען מאראל-פרעדי=גער האבען א פנים געטראפען צו איהר געוויסען און זי האט איהם גאנץ אויפריכטיג ערקלערט, אז אייגענטליך וואלט זי אויך שוין געהאט חשק „דאס ברויט“ פטור צו ווערען. זי איז אבער נישט פעהיג אויף קיין אנדערן אופן זיך אויסצוהאלטען. דער איינציגער אויסוועג וואלט דעריבער פאר איהר געווען חתונה צו האבען. וועלכער לייטישער מאנספערשוין וועט זיך אבער וועלען דעצידירען צו אזא ס׳גאל נקבה, בפרט, אז קיין גרויסען נדן קאן זי אויך נישט סילוקן.

דער טאפעצירער האט אויפמערקזאם אויסגעהערט די קלוגע רייד פון דעם אומגליקליכען גאסען-מיידעל, אביסעל זיך פערטראכט און דער=נאך זי גענומען הייס טרייסטען, אז זי דארף נישט זיין אזוי נידערגעשלאגען, געפאלען ביי זיך, אז א סך בעל הבית׳ישע פאניענקעס טוען אין געהיים נישט ווייניגער אויף, ווי די „קאנטראלנע נקבות“ און פונדעסטוועגען בעקומען זיי לייטישע חתנים, האבען חתונה און ווערען שפעטער סטאטעטשנע בעל-הבית׳טעס און אפילו גאנצע בוימעל-גיסערינס.

איבריגענס וואלט ער אפילו אליין אויך זיך נאך געוואונשען צו קריגען נישט קיין ערגערען שידוך ווי זי איז. לאנג האט נאך דער טאפעצירער אזוי אריינגערעדט אין דער נקבה, ביז ביידע זענען ענדליך געקומען צו דער הסכמה צו ווערען חתן-כלה. גדן האט די כלה צוגעזאגט צו געבען 7 הונדערט זלאטעס. 3 הונדערט זלאטעס האט זי געהאט ליגען אייגענע אפשפארונגען און 4 הונ=דערט זלאטעס האט זי גערעכענט צו בעקומען פון דער משפחה. די חתונה איז געווארען בעשטימט אין א וואך ארום.

הגם פראסטיטוטקעס זענען זעהר ראפינירט אין זייער „פרנסה“, דאנעגען אין אלגעמיין זענען זיי זעהר לייכטזיניג, גלויבעריש און ווי אלע אונ=טערוועלט=מענשען, אפילו אבערגלויבעריש. זי איז דעריבער געווארען אזוי מלא שמחה פון גליק, וואס האט איהר אזוי פלוצלינג באטשאפעט, אז זי האט געגלויבט אין טאפעצירערס לאקריץ-רייד, ווי אין תורות-לאקשען, נישט געוואלט וויסען ווער ער איז און פון וואנען ער איז. נאר גלייך אוועק צו דער משפחה ביי וועלכער זי איז אגב שוין לאנג געווארען אויסגעמעקט צוליב איהר טרויעריגען תכלית און גענומען אזוי לאנג וויינען, בעטען און אפעלירען צו זייער געוויסען, ביז זי האט גערירט זייערע הערצער און קעשענעס און ארויסגעקריגען פון זיי די פערלאנגטע 4 הונדערט זלאטעס.

דאס גאנצע געלט איז אריינגעלעגט געווארן ביי א געוויזענעם „פעטער“ און איצטיגען קאפע־אינהאבער מיט׳ן בעדינג, אז נאך דער חתונה זאל עס ארויסגעגעבען ווערען דעם יונגען באלעבעסל.

אין אפגערעדטען טאג איז דאס פארל אוועק צו עפיס א ספאדעק-יגרעל, וועלכער האט נישט געפרעגט קיין שאלות און פאר א פינפערל אפגע־ארבייט א חופה וקידושין. אהיימגייענדיג פון דער חופה הויבט דער יונגערמאן אן צו דערצעהלען דעם יונגען ווייבעל א מעשה, אז ס׳טרעפט זיך איהם איבערצונעמען א טאפעציר-ווערקשטעל צו=זאמען מיט א בעקוועם לאקאל, טייערע מאשינען און א מענגע מאטעריאלען פאר א שפאט-ביליגער סומע. דאס געשעפט וועט זיכער ברענגען פרנסה בריוח. דער עסק מוז אבער נאך היינט פערענדיגט ווערען, ווייל אויף דעם שמאלץ-גריב לויפען א סך אמאטארען. קיין מיגום טאר נישט ווערן לענגער פערצעגערט.

האבענדיג די כתובה אין טאשקע איז זי שוין געווען מיט׳ן מאן איינגאנצען זיכער. זי האט נישט לאנג געקלערט, גלייך אוועק צום „פעטער“ און ארויסגענומען דאס געלד און עס אוועקגעגע־בען איהר כשר׳ן מאן. פון דעמאלט אן האט ער זיך איהר שוין מגהר פאר די אויגען נישט געוויזן.

א פערבייטערטע און געקרענקטע איז זי גלייך אוועק אין דער „ביורא“ און געמאלדען וועגען דער געשיכטע. ס׳האט זיך ארויסגעוויזען, אז ביים דאזיגען חברה-מאן איז דאס נישט קיין ערשטלינג און אז ער איז א פראפעסיאנעלער חתונה-האבער און ארבייט הויפטזעכליך אין יענע ספערען און אז די גאנצע 700 זלאטעס האט ער באלד אין דער זעלבער נאכט פערקנאקט אין שטאס ערגיץ אין א מלינה.

וועגען דעם תכשיט׳ס מעשים טובים ווערט געפיהרט א ווייטערדיגע אויספארשונג.

ארגוס.

ווער עס קען איצט פאהרען קיין בראזיליען?

(2) לויט אינפארמאציעס פון דער לאנדעס־אפטיילונג פונ׳ם עמיגראציע־אמט (6. שיערפיען גאס 3) קאנען איצט ארויספאהרען קיין בראזיליען פערזאנען: וואס האבען נאמענטליכע ארויספאדע־רונגען, אויסגעשטעלט דורך קרובים אין בראזיל־יען, עמיגראנטען אהן ארויספאדערונגען, וועלכע פערמאגען, חוץ הוצאות הדרך, א סומע פון 200 דאלאר פאר א דערוואקסענעם פערשוין און 135 — פאר קינדער ביז 12 יאהר; לאנדווירטשאפט־משפחות, וואס פאהרען אויף די קאלאניעס פון „אקווילא בלאנקא“, אלס פויערים־קאלאניסטען.

א שיפס־קארטע קאסט 950 זלאטעס פאר א פערזאן, וואס איז עלטער פון 10 יאהר.

די, וואס פאהרען אויף די קאלאניעס פון „אקווא בלאנקא“ צאהלען 667 זלאטעס מיט 50 גראשען (פאר דערוואקסענע).

ווי=אזוי אויסצומיידען דייטשלאנד ביים פאהרען קיין פראנקרייך?

(2) יודישע עמיגראנטען, וועלכע פאהרען קיין פראנקרייך, ווילען אויסמיידען אינזייער בסיעה דאס דייטשע טעריטאריום, מחמת די מניעות ביים בע־קומען א טראנזיט־וויזע און אויס מורא פאר די שיקאנעס מצד דייטשען.

אזוי ווי א שטאבילע קאמוניקאציע צווישען גדיניע און די פראנצויזישע פארטען איז נישט איינגעשטעלט געווארען, מוזען די פערזאנען, וואס פאהרען קיין פראנקרייך — פון דער גרעניץ־סטאציע זבאנשינאוויצע פאהרען ווייטער דורך טשע־כאסלאוואקיי, עסטרייך און שווייץ.

ערב׳ן ארויספאהרען מוזען זיך די דאזיגע פערזאנען ווענדען צום עמיגראציע־סינדיקאט (6 שיערפיען־גאס 3) אדער צו דער צענטראלע פון דעם דאזיגען סינדיקאט (ווארשא, ניעצאלא 7) בכדי בעקומען ספעציעלע דערלייכטערונגען און הילף ביים בעמיהען זיך וועגען די טראנזיט־וויזעס, און צו בעקומען בעשיינונגען אויף הנחה־באהן־בילע־טען ביז זעבזשידאוויץ.

זייט פארזיכטיג!

די טיפוס-עפידעמיע אין לאדז פערשפרייט זיך

אויף דער עהערגעכטיגער זיצונג פון דער ביייער שטאט־פערוואלטונג איז צ. א. פעסטגעשטעלט געווארען, אז די בויך־טיפוס־עפידעמיע אין לאדז פערקלענערט זיך נישט, נאר פערקעהרט, — זי פערשפרייט זיך אין אזוי ווי אין די שפיטאלען פעה־לען אויס ערטער פאר טיפוס־קראנקע איז בעשלאסן געווארען צו בעפולמעכטיגען דעם געזונדהייטס־אמט — תיכף איינצוארדענען אין ראדאגאשטש א ביימעס באראק פאר 35 טיפוס־קראנקע.

דער טיפוס מיידט אונזער שטאט, כירורג, נישט

אויס יעזעס יאהר אין דער צייט, און מיר געפינען פאר נויטיג צו דערמאהנען און די עלעמענטארע סטע פארזיכטס-תקנות ביים אפהיטען זיך פאר אנ־שטעקונג.

נישט טרינקען קיין אומגעקאכט וואסער און ראטען די פליגען, וועלכע ברענגען איבער די מילך, וואשען דאס אויבס פאר׳ן עסען, און אויס־הולאגען.

קאמוניקאט

פון דער יודישער געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט אין לאדז, וואול־טשאנסקא 35. טעל. 121=53.

דער אויפענטהאלטס-פרייז אויף דער קאלאניע אין קארוויע איז פערקלענערט געווארען אויף 4.50 גילדען טעגליך.

בכדי צו געבען די מיטגלידער פון דער גע־זעלשאפט א מעגליכקייט צו בעקענען דעם פוילישען ים-ברעג און די קאלאניע פון דער געזעלשאפט אין קארוויע — ווערט ארגאניזירט א 7 טאגיגער פראפאגאנדע אויספלוג נאך קארוויע מיט א פולען אויפענטהאלט אויף דער קאלאניע. דער אויספלוג קומט פאר פון 25 ה. ח. ביז׳ן 1-טען סעפטעמבער ה. י., ביי א מינימאלען אפצאהל פאר מיטגלידער — 50 גילדען, פאר נישט-מיטגלידער 67.80 זל.

דער אפצאהל נעמט ארום רייזע-הוצאות פון לאדז נאך קארוויע און צוריק. פולע בעקעסטיגונג (5 מאל טעגליך) און אויפענטהאלט אויף דער קאלאניע.

דעם 25 און 26-טען ה. ח. קומט פאר א 2-טאגיקער אויספלוג נאך גדיניע, העל, דאנציג, אליווע און צאפאט. אפצאל פאר מיטגלידער 28.50, פאר נישט-מיטגלידער — 31.50 גילדען.

שבת, דעם 26 ה. ח. — אויספלוג אין דער טראמוואי-רעמיזע אויף דאמבראווסקא גאס.

זונטאג, דעם 27 ה. ח. — אויספלוג א. „מיטן גאנג פון דער ענטוויקלונג פון לאדז“.

זונטאג, דעם 27 ה. ח. „אויספלוג נאך גלאוונא אויף דער קאלאניע פון דער י. ג. פ. ל.“

דעם 2 און 3 סעפטעמבער ה. י. — 2-טאגיגער אויספלוג נאך טשענסטאכאוו.

שבת, דעם 2 סעפטעמבער 1933 — אויספלוג נאך קאכאנובעק.

איינשרייבונגען אין סעקרעטאריאט פון דער געזעלשאפט, וואולטשאנסקא 35, טעל. 121-53 יעדען טאג פון 6 ביז 10 אווענד.

Dr. R.

Zalcwasser

CHIRURG — כירורג

ציגעל=גאס 19, טעל. 125=17

נעהמט אן פון 1—2 בייטאג און פון 4—7 נאכט.

Dr. med.

B. ROBINSON

צוריקגעקעהרט

10 פיעטריקאווער 10

טעל. 131-86

נעמט אן פון 3—4 נאכמ. און 7—8 אוו.

ר. איזראעל

דירעקטאר אדאלף גאלד

סענסאציאנעל=שפאנענדער־ראמאן פון יודישען לעבען

27

כ׳בין נישט געווען גליקליך, דאס טאכטע ווייטער גערעדט, בעת פרוי גאלד האט איהם אבגעקוקט אזוי ווי זי וואלט געהערט פון דער יוגנט, ביים געבן פערמעגען, ביי דעם גרויסען כבוד וואס מעגען געבען מיר אפ, ביי גאנצע אפפעריוויליקייט צו טון גוטס אנדערע, האב איך נישט געפיהלט קיין פער־זענליך גליק, כ׳האב נישט געהאט קיין הנאה פון מיין לעבען

די פרוי גאלד האט פשוט מעור נישט געקענט אינציצען

— דאס וואלט געווען זעהר אינטערעסאנט, האט די זיך געטראכט, מיט׳ן גרעסטען אינטערעס וואלט זי אויסגעהערט דעם ווידוי פון הערמאן טאכטע, אבער נישט איצט ווען איהר עגעראבקען זענען גע־ווען געווענדעט אויף גאר עפעס אנדערש, אויף דער מעגליכקייט זיך צו דערוויסען, אז ס׳איז פער־האן די קלענסטע האפנונג צו ראטעווען איהר מאן

די פרוי גאלד האט אבער נישט געהאט די דרייסטקייט איבערצושלאגען טאכטען, וע ימער איז זי געזעסען און געהארכט.

אזוי ווי טאכטע וואלט געלעזען איהרע געדאנ־קען האט ער זיך אנגערופען

— איהר זענט אונגעדולדיג, איך קען דאס אלץ נישט איבערעסירען, באלד וועט איהר זיך אבער איבערציילגען, אז דאס וואס איך זאג אייך האט א גרויסען שייכות צום ענין. מיין גליק איז פערשוואונ־דען דעמאלס ווען מיין דירעקטאר אדאלף גאלד איז אין א געוויסען פריהמארגען געקומען און מיר פאר־געשטעלט זיין פרוי...

פרוי גאלד האט זיך דערשראקען און איהם אנ־געקוקט מיט גרויסע אויגען

— אזוי איז עס, האט טאכטע ווייטער גערערט און ס׳האט זיך געדוכט, אז קיין שום זאך וועט איהם מעהר נישט אבהאלטען פון ווייטערדיגען ריידען. פון ערשטען מאמענט ווען איך האב איין אנגעקוקט האב איך זיך אין איין פערליבט, אזוי ווי אימיצער וואלט מיך געווען פערגיפטעט, שבעצויבערט, איך האב מיר מעהר קיין ארט נישט געקענט געפינען. די דירעקטאר אדאלף גאלד איז אבער געווען מיין מיטיגד, איך האב איהם צופיל געאכטעט, אז איך זאל קענען האבען עפעס שלעכטע געדאנקען בנוגע איהם, אין מיר האב איך זיך אבער געטראכט, אז ס׳וועט אמאל קומען די צייט ווען איך וועל מיין גליק קענען גע־פינען, כ׳האב אליין נישט געוואוסט ווי אזוי דאס קען געשעהען אבער כ׳בין געווען איבערצייגט און אט די דאזיגע איבערצייגונג האט מיר לייכטער גע־מאכט דאס לעבען.

ביי פרוי גאלד האבען זיך געצייטען די פארבען אין געזיכט, זי איז געווארען בלאס און באלד ווידער רויט, ס׳איז איהר געווארען הייס און קאלט, זי איז געווען אזוי איבערראשט, דאס זי האט געמיינט, אז אלץ וואס דא קומט פאר געהער נישט צו דער ווירק־ליכקייט

— הער טאכטע, איהר זעגט דאך נישט געקומען אהער, אז איך זאל אויסהערען אייערע ליבעס-ער־קלערונגען...

— דאס איז אמת, האט טאכטע געזאגט, אבער דאס איז מיין בעדינג וועגען וועלכען איך האב גערעדט

— זאגט וואס איהר ווילט, ווייל איך האלט מעהר נישט אויס, ווייטער קען איך נישט מעהר אויסהערען זאגט קלארער וואס איהר ווילט

— אלזא קלאהר, ס׳איז מעגליך צו ראטעווען אייער מאן און איך וועל טון אלץ, כדי איהם צו ראטעווען, בתנאי...

— בתנאי?

— אז איהר האלט זיך אפזאגען פון די רעכט אויף אייער מאן און ווערען מיין פרוי

פרוי גאלד איז אויפגעשפרונגען פון ארט, אזוי ווי זי וואלט געביסען געווארען פון א גיפטיגען שלאנג, זי האט נישט געוואוסט אויף זיכער, צי האט טאכטע ווירקליך געזאגט דאס, וואס זי האט געהערט

— בעטהיגט איך פרוי גאלד, ווען איהר וועט זיך גוט אדורכטראכטען, וועט איהר זעהען, אז איך רעד נישט פון דער וועג, אז דאס זענען מענש ליכע זאכען, אז איך בין אויך נאר א מענש מיט גע־פיהלען, מיט ליידענשאפטען און מיט שטרעבען צו פערזענליכען גליק. צי איז פאר אייך נישט ווערט אפצוראטעווען א מענש און אפזאגען זיך פון אייער פערזענליכען גליק, אויב איהר ווילט דאס אזוי אנרופען

— אבער ניין, ניין, איך פערשטעה גאר גאר־נישט, איך וויס גארנישט וואס איך זאל ענט־פערען, דאס אלץ מוז איך ערשט גוט אדורכקלערן, אז איך זאל עס בעגרייפען

— וועל איך אפשר איצט אוועקגעהן און קו־מען אנ׳אנדער מאל, איך וועל אייך געבען צייט זיך צו פערטראכטען און צוגעהמען א בעשלוס

פרוי גאלד האט געזיפצט

— געהט נישט, בלייבט דא, איך קען נישט בלייבען אליין, מיר דוכט זיך, אז כ׳בין פעהיג צו בע־געהן זעלבסטמארד אין יענעם מאמענט וועל איך דאס אויספיהרען, בלייבט דא, איך וועל זיך בערואי־גען און מיר וועלע ווייטער שמועסען

אין שטוב איז געווארען שטיל, מ׳האט געקענט הערען א פליג אדורכפליהען, בלויז פון דעם אנדער־טען צימער, האט מען געהערט דאס פרעהליכע גע־לעכטער און דאס שפילען זיך פון פרוי גאלדס מיי־דעלע

— מייך ארים קינד, מיין ארים אומגליקליך מיידעלע, האט די פרוי גאלד כסדר איבערגעחזרט.

— זי וועט נישט זיין ארים, זי וועט נישט זיין אומגליקליך, איך האב זי פערזארגט און ווען איהר פאטער וועט נאך בעפרייט ווערען און וועט רעהאביליטירט ווערען, וועט זי זיין נישט ארים און נישט אומגליקליך

— אבער ווייסט איהר, פאניע טאכטע, האט פרוי גאלד געזאגט, אנגעהמענדיג זיך מיט מוט, אז אייער האנדלונג גרעניצט מיט שאנטאזש און מיט נאך עפעס ערגערס, האט פרוי גאלד געזאגט

— איך האב לאנג געטראכט וועגען דעם און איך האב אויך געהאט דעמזעלבען איינדרוק, שפע־טער ווען איך האב מיר דעם ענין קאלטבלוטיג איבערגעלעגט, בין איך געקומען צו דער איבער־צייגונג, אז דאס איז נישט קיין שאנטאזש און נישט עפעס ערגערס, נאר פשוט א ווילען צו ראטעווען דאס אייגענע פערלוירענע גליק

(פארטזעצונג קומט)

ספארט-בעוועגונג

די „ליגע-קאמפען" אין פוילען

סענסאציעס אין די „ליגע" מעטשען

נעכטען זענען פארגעקומען אין לאנד 4 ליגע-מעטשען, וועלכע האבען געבראכט סענסאצ יאנעל אונערווארטעטע רעזולטאטען:

קראקאוויא - לעגיא 2:6

דער מעטש איז געפיהרט געווארען די גאנצע צייט מיט אנ'איבערגעוויכט פון דער קרא קאווער מאנשאפט, וועלכע האבען דעמאנסטרירט א שעהן שפילען.

פאגאן - רוך 1:7

דער אלטער פוילישער מייסטער „פאגאן" האט זיך רעוואנזשירט דאס מאל פאר דער מפלה, וואס זי האט געליטען פאריגע וואך אין שלעזיען מיט דעמזעלבען קלוב רוך. דאסמאל איז איהר גע לונגען צו בעזיגען די שלעזיער מיט א הויכען רע זולטאט פון 1:7. די טוירען פאר פאגאן האבען געשאסען מאטיאס II 2 גאלען, ניעכטשאל 3, און מאטיאס I 2 טוירען.

ווארשאוויאנקא-פאדגורזשע 0:2

דער ערשטער מעטש פון פאדגורזשע אין ווארשא האט זיך פארענדיגט מיט א מפלה פון דער קראקאווער מאנשאפט, וואס האט געשפילט א סך שוואכער ווי די ווארשאווער מאנשאפט.

22 פולק — ווארטא 0:1

אין שעדלעץ איז פארגעקומען א ליגע מעטש צווישען דעם 22 פולק און דער פויזענער ווארטע.

אין דעם מעטש זענען ארויס אלס זיגער דער 22-טער פולק מיטן רעזולטאט 0:1.

רעזולטאטען פון די קאמפען וועגען אריינגעהן אין דער ליגע

טוריסטען — פאלאניא (בידגאשטש) 0:1

נעכטען איז אין לאדז פארגעקומען א מייס טערשאפטס מעטש וועגען אריינגעהן אין דער לי גע צווישען דעם בידגאשטשער פאלאניא און דעם לאדזשער מייסטער „טוריסטען".

די טוריסטען זענען ארויסגעטרעטען מיט איינציגע רעזערוו שפילער און האבען ארויסגעוויזען א גאנץ דורכשניטליך שפילען און האבען דאך בע זיגט די געסט מיט'ן רעזולטאט 0:1. דאס איינציגע טויער פאר די טוריסטען האט געשאסען זיידעל. שידסריכטער רומפלער פון קראקא.

פאלאניא (ווארשא) — לעגיא (פויזען) 1:5

דער נעכטיגער מעטש וועגען אריינגעהן אין דער ליגע האט זיך פארענדיגט מיט א נצחון פון דער ווארשעווער מאנשאפט פאלאניא, וועלכער קאנדידירט אריינצוגעהן אין דער ליגע.

נאפשוד — אוניא (סאסנאוויץ) 0:11

נעכטען איז פארגעקומען אין ליפיני א מייס טערשאפטס מעטש צווישען דעם ליפינער ספארט קלוב נאפשוד און דעם קלוב אוניא, וואס האט ארויסגעוויזען א העכערע קלאס אין שפילען און בעזיגט דעם געגנער מיט א הויכען רעזולטאט פון 0:11.

וו. ק. ס. (ווילנא) — 76 פולק (גראדנא) 1:2

ס.ק.ס. (לאדז) — „גוויאזדא" 2:4

דער לאדזשער „ס.ק.ס." האט שבת געשפילט אין ווארשא א פריינדשאפטס-מעטש מיט דעם ווארשאווער ספארט קלוב „גוויאזדא" און בעזיגט מיט דעם רעזולטאט 2:4.

די יודישע רעפרעזענטאנץ

בעזיגט אין ווארשא די רעפרעזענטאנץ פון די ארבייטער-קלובען מיט 0:1

אין ווארשא איז נעכטען פארגעקומען א פוס באל מעטש צווישען דער יודישער רעפרעזענטאנץ, וועלכע פאהרט קיין פראג אויף דער מכבי'אדע מיט דער רעפרעזענטאנץ פון די ארבייטער קלובען אין פוילען.

די יודישע רעפרעזענטאנץ האט ארויסגע וויזען א שעהן שפילען און בעזיגט די געגנער מיט 0:1. דאס איינציגע טויער פאר דער יודישער רע פרעזענטאנץ האט געשאסען פינעס. די יודישע פוס באל שפילער פאהרען שוין היינט אפ קיין פראג.

טעניס-מייסטערשאפטען אין פוילען

נעכטען זענען אין קאטאוויץ פארענדיגט געווארען די היי יעהריגע טעניס מייסטערשאפטען פון פוילען.

די מייסטערשאפט אין הערען שפיל האט גע וואונען דער לעמבערגער העבדא און די וויצע מייסטערשאפט דער יודישער טעניס שפילער פון טארנאוו וויטמאן.

די מייסטערשאפטען אין דאמען שפיל האט בען געוואונען די קראקעווערין יענדזשעיאווסקא. די וויצע מייסטערשאפט האט געוואונען די קרא קעווערין דוביענסקא. אין הערען דאפעל שפיל האבען געזיגט טלאטשינסקי און יעזשי סטאלאראוו, וועלכע האבען בעזיגט אין פינאל שפיל דאס פארל העבדא—וויטמאן.

דאנערשטאג ביליגער אויספלוג קיין ווארשא

די ביליגע אויספלוגען קיין ווארשא וואס דער היגער „וואגאן-לי-קוק" ארדענט איין יעדען דאנערשטאג, זענען שוין געווארען פאפולער אין אלע קרייזען פון דער היגער בעפעלקערונג און ווערען מאסענווייז אויסגענוצט.

אויך דעם היינטיגען דאנערשטאג ארדענט איין די היגע אפטיילונג פון „וואגאן-לי-קוק" אנ'איינ טאגיגען אויספלוג קיין ווארשא.

אפפאהר דאנערשטאג דעם 24-טען ד. ח. 7.28 פריה פון קאלישער באהן. צוריקפאהר פון ווארשא 7.25 אווענד.

די רייזע אהין און צוריק בעטרעפט 10 זל.

בילעטען צו בעקומען אין רייזע-ביורא פון „וואגאן-לי-קוק" שוין פון היינט אן פון 9 פריה ביז האלב 2 מיטאג און פון 3 ביז 8 אווענד.

—:X:—

פון קרייז-געריכט

די סעג איז פארגעקומען דער אפעלאציע פראצעס געגען יחיאל רוטקאווסקי, וועלכער איז געווארען בעשולדיגט אין פאסערייע פון גנבות.

אין דער ערשטער אינסטאנץ איז ער גע ווארען פאראורטיילט צו איין יאהר תפיסה. ביי דער אפעלאציע האט איהם פערטיידיגט אדוו. מאקסימיליאן רובין און צו נישט געמאכט די אר גומענטען פון דער ערשטער אינסטאנץ.

רוטקאווסקי איז פריי געווארען.

קיין בעלגיען און האלאנד אהין פעסטער און אהין וויזעס

דורך די בעמיהונג פון דער היגער אפטיילונג פון „וואגאן-לי-קוק" ווערט ארגאניזירט אנ'אויס פלוג קיין בעלגיען און קיין האלאנד אהן פעסער און אהן וויזעס אין דער צייט פון 22 סעפטעמבער ביז'ן 2 אקטאבער.

אפפאהר פון דאנציג דעם 22 סעפטעמבער אין די באכמיטאג שעה'ן דירעקט קיין אנטווערפען ווי מען וועט קענען פארברענגען 2 טאג, און פון דארט קיין ראטערדאם אויך אויף 2 טאג.

דער פרייז פון א בילעט מיט דער גאנצער אויס האלטונג 360 זל.

איינשרייבונגען נעמט אן און אינפארמאציעס ערטיילט די רייזע-ביורא פון „וואגאן-לי-קוק" פיעט רקאווער 64 פון 9 פריה ביז האלב 2 מיטאג און פון 3 ביז 8 אווענד.

היינט לעצטע פאלקס-פארשטעלונג מיט מיכאל מיכאלעסקא און בעטי סימאנאוו

אין „פילהארמאניע"

היינט מאנטאג, 9 אווענט, ווערט געשפילט צום 29 מאל די אפערעטע „דער לעצטער טאנץ" מיט מיכאל מיכאלעסקא און בעטי סימאנאוו אין די הויפטראלען. די פרייזען זענען היינט זעהר ביליגע.

נאך איין אויספלוג צום פוילישען-ים

דעם ערפאלג וואס עס האט געהאט דער לעצ טער אויספלוג קיין גדיניע, ווי עס האבען אויס געפעהלט בילעטען נאך 2 טאג פאר'ן אויספלוג, האט בעוואויגען דאס היגע רייזע-ביורא פון „וואגאן-לי-קוק" מיט דער פערשטענדיגונג פון רע זערוויסטען-פעראיין: צו ארגאניזירען אויף די וואך נאך איין אויספלוג קיין גדיניע.

אפפאהר פון לאדז פרייטאג דעם 25 ד. ח. 8.50 אווענד, פון דער קאלישער באהן, צוריק קום קיין לאדז מאנטאג אין די פריהמארגען-שעה'ן דער פרייז אין ביידע זייטען איז 14.70 זל.

בילעטען קען מען שוין פון היינט אן בעקומען אין ביורא פון „וואגאן-לי-קוק" פיעטרקאווער 64.

אנ'אומגליקס-פאל

(2) די 42-יאהריגע אנטאנינא בארטאשאק (ראקיטשינער 11\9) איז נעכטען מחמת אומפאר זיכטיגקייט אריינגעפאלען אין א קעלער, און דערביי זיך צוריסען א פאמוק.

די אומגליקליכע פרוי איז דורך דער פאגא טאוויע איבערגעפיהרט געווארען אין שפיטאל.

א יודיש מיידעל, וואס האט זיך גע'שמד'ט

איז געווארען א נאנע אין א מאנאסטיר און איז געווארען צוריק יודיש

צוליב א ליבע מיט אנ'איטאליענער. — איהר לעבען אין א מאנאסטיר. — ווי אזוי א יודישער שניידער האט איהר נעהאלפען אנטלויפען פון מאנאסטיר

— 2. —

„שמעלט אייך פאר – דערצעהלט זי ווייטער– צו די ארבייט האב איך שוין נישט געקענט פאר ענדיגען, און זאגענדיג עפעס א תירוץ בין איך באלד נאך איהר אוועקגעגאנגען אהיים געלאפען. אריינ קומענדיג אין הויז, טרעף איך שוין דארט מערי'ן מיט טאני'ן. טאני איז, ווי געווענליך, געווען שיכור. מערי האט זיך ארויפגעווארפען מיך האלזען און קושען, און נאך א סך צוגרייטונגען האט זי מיר אנגעזאגט די בשורה, אז מיין מאמע איז גע שטארבען...

„וואס א בשורה האט פאר מיר געמיינט, קענט איהר זיך פארשטעלען. דורך מיר און נאר דורך מיר איז מיין הארציגע גוטע מוטער אוועק אין קבר אריין! דער פאטער איז דורך מיר אויך רואינירט. און דורך ווענען און צוליב וועמען האב איך עס געטון? צוליב „טאני'ן", וועלכער ליגט שטענדיג א שיכורער און זידעלט מיך!

„ווען נישט מערי, בין איך זיכער, וואלט איך דאן בעגאנגען זעלבסטמארד. אבער מערי האט מיך ממש אויפגעהאלטען מיט איהרע „טרייסט-ווערטער" זי האט גענומען א צימער אין דעם זעלביגען הויז, וואו איך האב געוואוינט, כדי מיר זאל זיין היים ליכער. אין דא עפענט זיך א נייער קאפיטעל און דער שרעקליכסטער. ס'איז געווען אזוי.

„מערי, די „היילגע שוועסטער", האט עס א מאל געהאט אין געדאנק נאך פריהער. און דא, זעהענדיג ווי אזוי מיין געליבטער בעהאנדעלט מיך האט זי בעשלאסען אין דער ריכטיגער צייט מיך צו פאקען.

„אין א שעהנעם אווענד, ווען איך בין מיט איהר געגאנגען אין פארק, האט זי זיך צו מיר אנ גערופען:

„הער זיך איין, מ—ד, וואוינענדיג דא אין שכנות מיט דיר זייט א פאר וואכען זיים און צוזע הענדיג, ווי אזוי דיין טאני בעהאנדעלט דיך, האט עס מיך ממש אנגעריהרט ביים הארצען. איך קען גוט דיין פאטער און כ'האב אויך גוט געקענט דיין גאטזעליגע מוטער, און דיך קען איך שוין זייט יאה רען און ווייס, אז דו ביזט א גוטע, פרומע נשמה, און איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דו, מ—ד, זאלסט אריין אין אונזערע רייהען, און ווע רען א „היילגע" שוועסטער.

„דערהערענדיג פון מערי'ן אזעלכע ווערטער, בין איך אויפגעשוידערט געווארען. אהיימקומענדיג פון שפאציר, בין איך אנידערגעפאלען אויפן בעט, איינגעגראבען דעם קאפ אין קושען און געוויינט א גאנצע נאכט.

„און מערי?

„מערי האט געזעהן, וואס פאר אנ'איינדרוק איהרע ווערטער האבען אויף מיר געמאכט, איז זי נישט צוגעשטאנען צו מיר באלד נאך אנ'ענטפער. זי האט וועגען דעם מעהר נישט דערמאהנט קיין ווארט.

„איך האב אבער פארט נישט געהאט קיין איין מענש אויף דער וועלט – דערצעהלט זי ווייטער – פון וועמען איך זאל הערען א גוט, פריינד ליך ווארט, א חוץ מערי'ן. נו, איז ווי געטראפען איך בין געווען פון איהר פארשלאג, האב איך דאך נישט געקענט זיין אהן איהר... כ'האב זי געמוזט האבען און זיך צוהערען צו איהרע טרייסט-ווער טער...

אין דא דארף בעמערקט ווערען א זאך, אז מערי איז נישט געווען א פשוט'ע „שוועסטער". זי איז געווען אנ'עלטסטע און האט פערמאגט א מתנה מיט וועלכער נישט אלע „שוועסטער" זענען בע שאנקען. נעמליך: זי האט טאקע געגלויבט אין וואס זי האט גערעדט.

„זי האט מיר צוגעזאגט גאלדענע גליקען. אזוי ווי זי, אלס „העכערע", איז פערבונדען מיט אלע „שוועסטער" פון לאנד, האט זי (נאך עטליכע וואכען „ארבייטענדיג" איבער מיר) מיך איינגע רעדט, אז זי וועט מיך רעקאמענדירען אין אזא מאנאסטיר, וועלכער רעכענט זיך „דער בעסטער און לייטישסטער" איבער גאנץ אמעריקא".

– און וואס וועט איהר טאן מיט טאני'ן? – האב איך ביי איהר געפרעגט.

אבער טאני איז סיי-ווי פערשוואונדען געווא רען און עס זענען שוין געווען אריבער עטליכע טעג און איך האב פון איהם אינגאנצען נישט גע הערט. און דאס איז געווען די לעצטע שטרוי. איך האב שוין מעהר נישט געקענט אויסהאלטען און איך האב בעשלאסען אנצונעהמען מעריס פארשלאג.

אין א רעגענדיגען פריהמארגען זענען מיר אוועקגעפאהרען אין דעם „לייטישסטען" מאנאסטיר. מערי האט מיך דארטען פארגעשטעלט פאר דעם עלטסטען גלח, און עס איז בעשטימט געווארען, אז אין א וואך ארום זאל פארקומען דאס גרויסע געשעהעניש און איך וועל זוכה זיין זיך צו רופען „היילגע שוועסטער".

און אט איז געקומען דער טאג.

יונגע און אלטע מאנאכען, מיט ווייסע קאל נער און שווארצע קליידער; נאנעס אנגעטאן אין שווארצע קליידער. מען פרעפעלט תפילות. מען קניעט און צלמט זיך. מערי איז די אונטערפיהרערין; מען פיהרט מיך צום שמד.

א האלבע שטונדע — און אלץ איז געווען פאראיבער.

— און ווי אזוי, – פרעג איך איהר,–האבען זיך בעצויגען צו אייך די איבעריגע נאנעס, נאכ דעם ווי איהר זענט שוין אויך געווארען א „שוועס טער"?

און זי ענטפערט מיר מיט א זיפץ:

– נאנעס, מיינט איהר, זענען דען קיין מענ שען נישט? נאנעס זענען אויך דא פערשידענע. א טייל — פריינדליכע, און א טייל – ביזליכע, כמעט דעם כעס זייערען ווייזען זיי כמעט קיינמאל נישט ארויס.

איך וועל אייך, – מאכט זי–אילוסטרירען מיט אזא פאל:

געווענליך, די ארבייט אין מאנאסטיר, ווי, צום ביישפיל, גרייטען די טישען צום עסען, דער לאנגען דאס עסען, וואשען די דילען – דאס אלץ טוען די „נייע". נו, פאסירט, אז איין „שוועסטער" ווארפט אונטער ארבייט פאר דער צווייטער; איהר חלק ארבייט, וואס זי דארפט טון, ווארפט זי אן אויף אנ'אנדערער.

און דאס איז נישט דער איינציגער בעוויז, אז אויך נאנעס זענען מענשליך.

נעהמט, למשל, אזא זאך, ווי קליידען זיך. מען קען מיינען, אז נאר „פרייע" פרויען פוצען זיך, ווייל זיי ווילען געפעלען ווערען מענער. איך קען אייך אבער זאגען, אז נאנעס פוצען זיך נישט ווענינער, ווי געווענליכע פרויען.

כ'ווייס, — מאכט זי ווייטער, — אז עס וועט ביי אייך זיין קאמיש צו הערען אזא בעהויפטונג; עס איז אבער פארט א פאקט.

ס'איז מיר נישט איינמאל אויסגעקומען צו זעהען, ווי נאנעס אין מאנאסטיר שטעהען אפ ביים שפיגעל א סך, א סך צייט

(סוף מארגען).

ווי אזוי מענשען וועלען לעבען אין יאהר 2000

וואס עס שרייבט וועגען דעם א פראנצויזישער פראפעסאר

דער בעריהמטער פראנצויזישער וויסענשאפטס מאן פראפעסאר פיער דעווא האט אנגעשריבען אן אינטערעסאנט בוך, אין וועלכע ער שילדערט וואס פאר א סארט לעבען די מענשען וועלען פירען אין דעם יאהר 2000. דער פראפעסאר מאכט זיינע בעהויפטונגען אויף דעם גרונד פון מערקווירדיגע ערפינדונגען וואס זענען שוין ביז איצט געמאכט געווארען, און איבערהויפט אויף דער מעגליכקייט פאר נייע גרויסע ערפינדונגען, וואס וועלען לויט זיין מיינונג זיכער קומען אין די נעכסטע פאר צענדליג יאהר.

פראפעסאר דעווא הייזט אן אז אין די לעצטע זיבעציג יאהר זינט נאך דעם בירגער-קריג האבען די ערפינדונגען געמאכט א רעוואלוציע אינ'ם מענשליכען לעבען.

אין טויזענדער לאבאראטאריעס אויף דער גאנצער וועלט ווערען איצט געמאכט עקספערימענטען און פארשונגען, און א פערזיך אריינצודרינגען טיפער אין די סודות פון דער נאטור און ארויסברענגען נייע כוחות מיט וועלכע דער מענש זאל זיך קענען בענוצען.

ווי אזוי, אלזא, וועלען מענשען לעבען אין דעם יאהר 2000, דאס הייסט, אין 67 יאהר ארום? אט ווי פראפעסאר דעווא שטעלט עס זיך פאר:

די דעמאלסדיגע וואוינונגען וועלען גארנישט האבען דעם אנבליק פון די היינטיגע הייזער. זיי וועלען זיין געבויט פון א דיק-געשלייפטען גלאז. די שטובען וועלען קענען צוזאמענגעשטעלט ווערען און פונאנדערגערוקט ווערען זעהר לייכט, אזוי אז מען וועט קענען מאכען איין צימער קלענער און איינס גרעסער, אדער פערוואנדלען אין איין גרויס צימער, ווי אזוי דער איינגענטימער וועט וועלען. דאס מעבעל וועט ארויסקומען פון די ווענד. אויב עס וועט אויסברעכען א שרפה אין איין צימער וועט מען קענען זיצען אין דעם צווייטען צימער גאנץ רוהיג, דאס פייער וועט אהין נישט קענען צוקומען. די ווייכע דיוואנעס וועלען זיין אנגעבלאזען פון לופט, און מיט דעם וועט מען בעזייטיגען דאס אונסאניטארע מעבעל, וואס מען געברויכט איצט, און וועלכע זענען א נעסט פאר אלערליי באצילען.

יעדעס הויז וועט האבען א פלאץ פאר א גארטען, אבער וועלכען עס וועט זיין א גלעזער-נער דאך. אינעווייניג, אין דעם גארטען, וועט די טעמפעראטור רעגולירט ווערען אזוי, אז מען זאל דארט קענען פערברענגען אנ'אנגענעהמע שטונדע ביי א גלעזעל טיי, און נישט פיהלען די היץ אין זומער און די פראסט אין ווינטער. די לופט אין די הייזער וועט זיין דורכגערייניגט פון ספעציעלע מאשינען, וועלכע וועלען נישט ארייבלאזען נישט קיין שטויב, און נישט קיין אומאנגענעהמע ריחות פון דער גאס.

די היינטיגע וואנעס וועלען דאן זיין אויס מאדע. עס וועלען איינגעפיהרט ווערען ספעציעלע טושען, וועלכע וועלען שפריצען א ווארימען טומאן אויף דעם וואס וועט זיך וועלען אפבאדען. דער טומאן וועט ענטהאלטען געוויסע כעמישע שטאפען וועלכע וועלען רייניגען די הויט פון דעם קערפער, און מען וועט נישט דארפען געברויכען קיין זייף.

די גרעסטע רעוואלוציע וועט פארקומען אין דער קיך. די היינטיגע טעפלעך און געשיר וועלען פערשווינדען. פון גאז וועט קיין סימן נישט זיין, אלעס וועט געטון ווערען מיט עלעקטריע. די באלעבאסטע וועט נישט דארפען שטעהן ביים אויווען און היטען אז די זופ זאל נישט איבערלויפען, און אז דאס געבראטענס זאל נישט צוברענגען. אין אויווען וועט זיין אנ'עלעקטריש אויג, וועלכעס וועט אכטונג געבען אויף דעם קאכען און באקען, און אלעס וועט ארויסקומען אויס'ן בעסטען אופן. די מערסטע מאכלים וועלען צוגעגרייט ווערען אין כעמישע לאבאראטאריעס. אין א פאר מינוט צייט וועט די באלעבאסטע קענען מאכען דאס בעסטע מאהלצייט.

איבערהויפט וועלען זיך די הייזער פון דער צוקונפט וועניג וואס פערלאזען אויף אריינקריגען פרישע לופט פון דרויסען. יעדע וואוינונג וועט איינגעריכטעט ווערען מיט א ספעציעלען אפאראט, וועלכער וועט ארייבלאזען פרישע און אויסגערייניגטע לופט און וואס פאר א טעמפעראטור מען וועט דארפען.

אויך וועלען די מענשען זיך נישט דארפען זארגען זעהר שטארק וועגען אריינקריגען ליכט און זונען-שיין דורך די פענסטער. יעדע וואוינונג וועט זיין בעזארגט מיט ספעציעלע לאמפען, וועלכע וועלען ארויסלאזען אזעלכע שטראהלען ווי עס קומען פון דער זון. די שטראהלען וועלען בעזארגען די הייזער מיט ליכט און ווארימקייט.

אין יעדער וואוינונג וועט זיין א טעלעוויזיע צימער. דא וועט מען קענען זעהן אלעס וואס עס קומט פאר, און מען וועט הערען אלעס וואס מען רעדט אין פערשידענע טיילען פון דער וועלט.

די צוקונפטיגע אויטאמאבילען וועלען פליהען מיט א שנעלקייט פון צוויי ביז דריי הונדערט מייל א שטונדע. ווען איינער וועט וועלען מאהרען אויף א לאנגע רייזע וועט ער זיך אריינזעצען אין זיין אויטאמאביל און וועט זיך אויפהויבען אין דער לופטען און וועט אוועקפליהען וואוהין ער דארף. אנקומענדיג אין דעם ריכטיגען פלאץ וועט ער זיך ארונטערלאזען און וועט צופאהרען אויף דעם ריכטיגען אדרעס.

די אויטאמאביל-וועגען וועלען זיין ברייטע, אבער זיי וועלען געמאכט ווערען אזוי, אז דער אויטאמאביל זאל זיך נישט קענען גליטשען ווען דער וועג איז נאס. די וועגען וועלען זיין בעשמירט מיט אזא כעמישען שטאף, וועלכער וועט זיי בעלייכטען ביינאכט. דאס וועט מאכען אומנויטיג לאמפען. אויך די אויטאמאבילען וועלען זיין בעשמירט מיט אזא כעמישען שטאף און זיי וועלען ארויסגעבען אייגענע ליכט ביינאכט.

פאר ווייטע רייזעס וועלען די היינטיגע עראפלאנען נישט געברייכט ווערען, ווייל זיי פליהען צו לאנגזאם. מען וועט געברויכען ראקעטען. מיט א ראקעט וועט מען קענען אריבערפליהען פון אמעריקא קיין אייראפע אין א פאר שטונדען צייט.

אין יאהר 2000, זאגט פראפעסאר דעווא, וועלען לעבענסמיטלען קאסטען זעהר ביליג, ווייל די שפייזען וועלען קענען פראדוצירט ווערען דורך זעהר וועניג ארבייט.

א בלבול אויף א ווילנער יודיש מיידעל

אז זי בעליידיגט די פוילישע מלוכה

אנ'אנטיסעמיטישער סקאנדאל אין באד אין ווילנע, 50 נאקעטע פרויען בעפאלען א יודיש ווייבעל

ווילנע. דאס האט פאסירט דעם 3-טען יוני ה. י. די יודישע 19-יאהריגע פריילין סימע פריימאן (גלעזער גאס 6) האט זיך דאן געפונען אין דער שטאטישער באד אויף יאקוב-יאסינסקיס גאס. חוץ איהר האבען זיך געפונען א 50 קריסטליכע פרויען און נאך איין יודישע ווייבעל א שטומע ציישונגס-פערקויפערין.

האט זיך די דאזיגע ווייבעל מיט עפעס פער-זינדיגט, זי האט זיך בעמליך ארויסגעשטעלט קע-מען אין אנ'ארט, וואס איז דעריצו נישט צוגעפאסט. דאס האבען שטארק נישט געוואלט לייהען די קריסט-ליכע פרויען.

א גרופע נאקעטע פרויען זענען איהר בעפא-לען און גענומען איהר שלאגען מכות רצח.

סימע פריימאן האט נישט געקאנט צוזעהען די רחמנות פון דער געשלאגענער ווייבעל און האט איהר גענומען פערטיידיגען.

די נאקעטע אנפאלערינס האבען, לויט די רייד פון סימע פריימאן (און ס'איז נישטא קיין גרונט נישט צו גלויבען איהר) האבען דאן גענומען מא-כען פערשידענע אנטיסעמיטישע אויסרופען, דער-ביי האט זיך „אויסגעצייכענט" א געוויסע מאריא שמידט, וועלכע האט זיך, ווי סימע פריימאן, פער-זיכערט אפגערופען:

— „מען דארף האנגען אויף אייך א היטלער, ער זאל אויסשניידען אלע יודען".

דאן האט סימע פריימאן זיך אפגערופען נישט איבגאנצען פארלאמענטאריש:

קושט מיר אין...

ווען די פריילין האט זיך גענומען אנטאן האט-בען די קריסטליכע ווייבער ארויסגערופען דעם פערוואלטער פון באד יוזעף פעטקעוויטשען און פערמסרט פאר איהם, אז סימע פריימאן זאל האבען זיך א'יסגעדריקט מיט זידעל-ווערטער אויפ'ן אדרעס פון פוילען און פון דער פוילישער מלוכה.

יוזעף פעטקעוויטש מיט מאריא, שמיד זענען דאן אירעק אין קאמיסאריאט און אנגעגעבען דארט א מעלדונג אויף סימע פריימאן, דער ענין איז איבער געגעבען געווארען דער געריכט מאכט און עהער געכטען האט סימע פריימאן בעקומען א בעשולדי-גונגס-אקט, אין וועלכען ס'ווערט געזאגט, אז זי ווערט צוגעצויגען צו געריכטליכע פעראנטווארט-ליכקייט לויט'ן ארטיקעל 152 פון שטראף קאדעקס פאר בעליידיגען דורך נישט פארלאמענטארישע אויס-דרוקען די פוילישע מלוכה און דאס פוילישע פאלק.

דער פראצעס וועט בעטראכט ווערען דורכ'ן קרייז-געריכט.

„יודישע רונדשוי" וועגען די אויפגא־בען פון 18 ציוניסטישען קאנגרעס

בערלין (יט"א). „יודישע רונדשוי" ווינד-מעט אין לעצטען נומער א לייט-ארטיקעל די אויפ-גאבען פון פארשטעהענדען 18-טען ציוניסטישען קאנגרעס. אין דעם ארטיקעל ווערט צוו. אנד. געזאגט:

קיינער קען נישט בעהויפטען, אז די ציוניס-טען בעגריסען מיט פרייד די אויסגלידערונג פון די יודען אין דייטשלאנד, עס איז אבער נישט זייער אויפגאבע אין אנבליק פון די שווערוואגיגע גע-שעהענישען צו פראקלאמירען „א קאמף", ווייל דער זין פון ציוניזם איז צו לינדערן די לאגע פון די יודען דורך פראקטישע מיטלען און אידעאישער פערשטארקונג. אפשר איז נאך איצט נישט געקומען די צייט פרוכטבאר צו פערווירקליכען די דאזיגע אויפגאבע. די דייטשע ציוניסטען זענען דעריבער געווען געגען אפהאלטען איצט דעם ציוניסטישען קאנגרעס און וועלען זיך אין דעם קאנגרעס נישט בעטייליגען. איצט, ווען דער קאנגרעס איז דאך נישט אפגעלעגט געווארען, איז עס די אויפגאבע פון דער עקזעקוטיווע און פון דער קאנגרעס-לייטונג צו איבערוואכען מיט דער גאנצער ענטשלאס-סענקייט. אז דער קאנגרעס זאל האבען דעם בע-וואוסטזיין פון זיין פאזיטיווער פעראנטווארטליכ-קייט און זיך נישט לאזען פערוואנדלען אין א פאלקס-פערזאמלונג. דער קאנגרעס מוז זיין קורץ און ארויסרוקען אין פארדערגרונד צוויי גרויסע קאמפלעקסען: דעם ארץ-ישראל-אויפבוי און די יודישע לאגע אין דייטשלאנד.

די דייטשע ציוניסטען ערווארטען, אז דער קאנגרעס וועט געפיהרט ווערען אין דעם גייסט און ער וועט געפינען די פראקטישע מאס מיטלען, כדי צו עפענען א וועג פאר דער גרויסער אויס-וואנדערונגס-בעדערפעניש פון די דייטשע יודען קיין ארץ-ישראל.

פראצעס געגען אנטי-יודישע באמבען-אטענטאטער אין ווין

וויען (יט"א) נאך 2-טאגיגע פערהאנדלונ-גען איז ארויסגעטראגען געווארען אנ'אורטייל אין פראצעס געגען 8 נאציאנאל-סאציאליסטען, וועלכע האבען געווארפען א טייוועל מאשין אויף א יודיש קאפע-הויז, וואו עס ווערען אפגעהאלטען ציוניס-טישע פערזאמלונגען. בלויז א דאנק א גליקליכען צופאל האט די טייוועל-מאשין נישט עקספלאדירט, ווייל אין געגענפאל וואלט די גאנצע גאס ארום פערניכטעט געווארען דורכ'ן שרעקליכען אויפרייס.

5 נאציאנאל-סאציאליסטען זענען פערמשפט געווארען אויף 3 חדשים ביז 2 יאהר תפיסה. 3 אנגעקלאגטע זענען פריי געשפראכען געווארען.

געפונען א מיטעל צו מאכען טויטע לעבעדיג — כאטש אויף א ווײַלע

א ניו-יארקער דאקטאר האט עס אויסגעפינען. — מ'שטעכט אריין אנ'עלעקטרישע נאדעל דעם טויטען אין הארצען, און ער ווערט צוריק לעבעדיג. — א פאר אינטערעסאנטע פאלען

אז דאס הארץ הערט אויף צו קלאפען, איז דער מענש טויט — דאס איז א פאקט, וואס יעדער איינער ווייס. און אז א מענש שטארבט, וועט ער צוריק נישט לעבעדיג ווערען. אזוי דענקט מען אין דער גאנצער וועלט.

עס ווייזט זיך איצט ארויס, אז דאס איז נישט ריכ-טיג, אז מ'האט ביז איצט געהאט א טעות. אפילו ווען דאס הארץ הערט אויף צו קלאפען, איז דאס נאך אלץ נישט קיין פאקט, אז דער מענש איז שוין טויט אויף אייביג.

א דאקטאר האט איצט אויסגעפונען א מיטעל צו מאכען דאס הארץ ווידער קלאפען, נאכדעם ווי די האט שוין איינמאל אויפגעהערט צו קלאפען. דאס הייסט, צוריק לעבעדיג מאכען א מענשען, וואס איז געשטארבען אדער האט אויסגעזעהען, אז ער איז שוין טויט.

דער דאקטאר, וואס האט עס אויסגעפונען, איז א ניו-יארקער — ד"ר אלבערט האימען, אין „בית דוד" שפיטאל. אויף א מיטינג פון דער „אמע-ריקאנער מעדיקאל געזעלשאפט", וואס איז דא נישט לאנג צוריק אפגעהאלטען געווארען אין מילוואקי, האט ד"ר האימען בעוויזען, ווי אזוי ער טוט עס.

ער שטעכט אריין אנ'עלעקטרישע נאדעל צווי-שען די ביינער און ברוסט און דערגרייכט די אויי-בערשטע טייל פון דעם הארץ, וואס האט אויפגע-הערט צו קלאפען, די עלעקטרישע נאדעל שיקט אריין א שטראם עלעקטריק, וואס וויברירט און צווינגט דאס טויטע הארץ ווידער צו נעמען זיך בעוועגען און אנהויבען קלאפען, עס הייסט, ווערען צוריק לעבעדיג.

דער טויטער מענש ווערט אויף אזא אופן צוריק לעבעדיג, אבער נישט אויף לאנג. ער לעבט נאך א קורצע ווײַלע. דאס איז אבער אויך א גרויסער אויפטו, א געוואלדיגע ערפינדונג, און מיט דער צייט, האפט מען, וועט עס ברענגען העכסט-ווירקזאמע רעזולטאטען. און אפילו די דערווייליגע ערפינדונג, אויפצולעבען דעם טויטען כאטש אויף א קורצער צייט, אדער אנהאלטען זיין לעבען נאך א ביסעל, האט שוין אין איניגע פאלען אויפגעטאן גוטע זאכען.

דא נישט לאנג צוריק האט א מאן געהאלטען ביים שטארבען, און ער האט ערקלערט, אז ער איז גרייט דורכצומאכען אלע יסורים אין דער וועלט, אבי מען זאל איהם פערלענגערען דעם לע-בען אויף עטליכע שעה צייט, און ער זאל קענען איבערגעבען זיין זוהן א סוד, וואס ער וויל קיין אנ-דערען נישט פערטרויען. דער זוהן איז דאן גע-פלויגען אויף אנ'אעראפלאן פון דעם אנדערען לאנד. ער האט אבער נישט אויסגעפירט אנצוקומען אין צייט: דער פאטער איז דערווייל אויסגעגאנגען. האט מען דעם טויטען אריינגעשטאכען די עלעקטרישע נאדעל אין ברוסט און די הארץ האט ווידער גענומען קלאפען, עס הייסט, דער טויטער האט ווידער אויפ-געלעבט. מ'האט אזוי געארבייט מיט דער עלעקטרי-שער נאדעל אין זיין הארץ, ביז דער זוהן איז גע-קומען, כמעט מיט א טאג שפעטער, ווי דער פא-טער איז שוין איינמאל געשטארבען. די עלעקטרישע נאדעל האט דעם פאטער געהאלטען די גאנצע צייט לעבעדיג, און ווען דער זוהן איז געקומען, האט ער איהם איבערגעגעבען דעם סוד און ערשט דאן איז ער געשטארבען א גליקליכער.

דעם מענש'ס הארץ איז נישט אזא אידעאלער גליד, ווי מען דענקט, דאס הארץ בעשטעהט פון שטייפע מוסקולען, וואס טוען א שווערע ארבייט — פאמפען די בלוט, פונאנדערשיקען די בלוט דורך די אדערען איבער'ן גאנצען קערפער. אפילו ווען דאס הארץ איז ערגעץ געשעדיגט, צולעכערט, טוט זי נאך אויך די דאזיגע שווערע ארבייט פון פאמ-פען ס'בלוט. עס טרעפט אבער אמאל, אז די מוס-קולען פון הארץ ווערען פערמאטערט, אפגעשוואכט, און זיי ארבייטען נישט ווי געהעריג, אדער הערען אינגאנצען אויף צו ארבייטען. דאס פיהרט צו טויט. דאקטוירים זוכען אין אזא פאל וועגען פון א מיטעל צו מאסאזשירען די אפגעשוואכטע מוסקו-לען, סטימולירען זיי צו שטארקערער טעטיגקייט.

דאקטאר האימען'ס איז איינגעפאלען אנצו-ווענדען אזא מיטלען פון סטימולירען די אפגע-שוואכטע הארץ-מוסקולען אויך אין די לעצטע מינוטען פון דעם פאציענט'ס לעבען, ווען דאס הארץ ארבייט שוין זעהר שוואך, און אפילו ווען דאס הארץ האט שוין אינגאנצען אויפגעהערט צו ארבייטען.

די עלעקטרישע נאדעל הויבט אן אויפצוטרייס-לען די אויבערשטע טייל פון הארץ. דירעקט עס, אז אלע מוסקולען פון הארץ זאלען נעמען וויברירען, ציטערען און זיך ריסלעכווייז בעוועגען. ס'הייסט, דאס הארץ הויבט אן צו קלאפען.

דייטשלאנד קייקעלט זיך בארג אראפ

היטלערס דיקטאטור האט די דייטשע לאגע נישט געמאכט בעסער, נאר פיל פערערגערט

(ספעציעלע קארעספאנדענץ)

פון ב. סמאליאר

דייטשלאנד קייקעלט זיך, קייקעלט זיך נישט בלויז אויפ'ן וועג צו מלחמה, נאר אויך אויפ'ן וועג צו עקאנאמישען באנקראט.

צוויי מאנאטען נאך היטלערס קומען צו דער מאכט הויבט מען זיך אן הא ארומצוקוקען, אז וואס פערטריבען די יודען פון האנדעל און די פאקטישע נאציאליזירונג. פון די יודישע געשעפטס-הייזער, טרייבען די איצטיגע „ערוואכטע" דייטשלאנד צו א ווירטשאפטליכער כאאס און צו ריזיגע דעפיציטען, וואס פאלען ווי א שווערע לאסט אויף דער רעגירונגס-באנק און אויף דעם גאנצען עקאנאמישען אפאראט פון לאנד.

דער האניג-חודש פון דעם היטלער-זיג איז אריבער, הויבט מען זיך אן אויסצוניכטערען. אז מען ביכטערט זיך אויס, זעהט מען, אז מען האט איינגענטליך געמאכט א טיפען טעות מיט דער אנטי-יודישער פאליטיק. א טעות פאר אויסלאנד און א טעות פאר זיך אליין אויך. מען האט דעם יודען ארויסגענומען איין אויג, אבער זיך נעמט מען איצט דערמיט ארויס ביידע אויגען.

דער יודישער האנדעל אין דייטשלאנד איז איצט חרוב. אין אלע יודישע געשעפטען זיצען איצט דייטשע נאצי-קאמיסארען און זיי זענען די בעל-בתים פון די געשעפטען; זיי, נישט די יודישע אייגענטימער.

אבער די נאצי-קאמיסארען, די נייע הערשער פון לאנד, זיי מעגען זיך אויסגעצייכענט אויסטוי-גען אויף נאצי-פאראדען און אויף מיטינגען, וואו מען שרייט „הייל היטלער". זיי טויגען זיך אבער נישט אויס אויף צו פיהרען די ריזיגע געשעפטען, אין וועלכע מ'האט זיי מיטאמאל אריינגעזעצט, ס'הייטעל איז דארט צו גרויס פאר זיי. דער מעכאניזם — צו איינפאך. זיי פערלירען זיך דארט.

זיי פערלירען זיך, די נאציגע קאמיסארען אין די יודישע געשעפטען. איז דער רעזולטאט אזוי אנמאכער: צוויי מאנאטען נאכדעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאכט, פיהלט זיך גוי דער האנדעל אין דייטשלאנד הויבט איצט אן צו ווערען פאראליזירט. צוויי מאנאטען נאכדעם ווי מען האט אריינגעזעצט נאצי-קאמיסארען אין יודישע געשעפטען, האבען זיך די געשעפטען אנגעפאנגען צו געבען גוואלדיגע דעפיציטען, אנשטאט די שטענדיגע פראפיטען.

קאהרען און יאהרען זענען די דאזיגע געשעפטען געווען בליהענדע אונטערנעמונגען. יאהרען און יאהרען האבען זיי געגעבען פרנסה צו טויזענ-טער אנגעשטעלטע און דיווידענדען צו הונדערטער אקציאנערען. איצט איז פון קיין דיווידענד שוין מעהר גאר קיין פראגע נישט. די פראגע איז איצט, ווי אזוי צו מאכען די דאזיגע געשעפטען זאלען זיך בעצאהלען, אז מען זאל כאטש קאנען אויסהאלטען אנגעשטעלטע און נישט פערגרעסערען די ארמעע פון די ארבייטסלאזע.

דער איינציגער וועג אויף וועלכען עס לאזט זיך דערווייל אנצוהאלטען די דאזיגע געשעפטען, איז — דורך קריגען הלוואות פון דער רעגירונגס-באנק. די דייטשע רייכס-באנק האט נאך קיינמאל נישט ארויסגעגעבען אזוי פיל סובסידיעס און הלוואות פריוואטע געשעפטען, ווי זי גיט עס ארויס איצט צו יענע געשעפטען, וואס פריהער זענען זיי געווען יודישע און איצט האט מען די יודען פון דארט ארויס געטריבען. זי גיט די דאזיגע סובסידיעס, אבער צי וועט זי אמאל זעהען צוריק — איז נאך דערווייל א זעהר און זעהר גרויסע פראגע. ווי קאן א געשעפט אפצאהלען צוריק הלוואות און סובסידיעס, ווען עס האט נישט געגוג איינקונפט אפילו צו בעצאהלען געהאלט צו די אנגעשטעלטע?...

איז מען דערפאר איצט גאנץ פעסימיסטיש אין דייטשלאנד וועגען דער נאהענטער ווירטשאפטלי-כער צוקונפט פון דעם לאנד. מען זעהט ווי דייטש-לאנד קייקעלט זיך וואס ווייטער אלץ טיפער אין אפ-גרונט אריין, אבער מען זעהט נישט ווי אזוי די איצטיגע דייטשלאנד קאן פון דעם דאזיגען אפגרונט זיך ראטעווען.

די פעסימיסטען איצט אין דייטשלאנד זענען גראד נישט די יודען. זיי, די יודען, האבען שוין נישט וואס צו זיין פעסימיסטיש. זיי האבען שוין זיך צוגעגרייט צום גערגאנג, אז זייער פערמעגן איז מעהר נישט זייערס און האבען שוין לאנג א מאך געטאן אויף אלעס מיט דער האנט.

די אמת'ע פעסימיסטען זענען דערפאר איצט גראד די דייטשען, די דייטשע אינדוסטריעלער און פינאנסיסטען — אט יענע דייטשע קרייזען, וואס אין די ערשטע טעג פון דער היטלער-רעוואלוציע האבען זיך גראד שטילערהייט זיך געפרייעט. געפרייעט און געלייגט אויף היטלערן גרויסע האפענונגען.

איצט האט זיך פון די דאזיגע האפנונגען אנ-געהויבען אויסצולאזען א בוידעם. איצט צייגט זיך ארויס, אז די וועלט איז געגען היטלער'ן, אז אפילו איטאליע — היטלער'ס בעסטער פריינד — הויבט אן צו ווערען פון טאג צו טאג קיהלער צו דעם נאצי-רעזשים אין דייטשלאנד. אפגעקערט שוין פון ענגלאנד. אפגעקערט שוין פון אמעריקע. אפגע-קערט שוין פון דעם אייביגען שונא, פראנקרייך.

זיי קוקען זיך ארום, די דאזיגע דייטשען, וואס האבען געלייגט זייערע האפנונגען שטילערהייט אויף היטלער'ן, זעהען זיי, אז קיינמאל האט נאך א רע-גירונג נישט בעוויזען צו מאכען פאר אזא קורצער צייט אזוי פיל טעותים, וואס זאלען אויפשטורמען א וועלט, ווי עס האט בעוויזען צו טאן די היטלער-רעגירונג, און דער גרעסטער טעות — דאס זעהען איצט פיל אין דייטשלאנד — איז געווען דער טעות געגען די יודען.

מען קאן באטירליך נישט כאפען איצט אויף צו-ריק. מען קאן באטירליך איצט נישט זאגען צו די יודען: קומט, נעמט איין צוריק אייערע געשעפ-טען. דאס וואלט געהייסען דעזארגאניזירען דעם גאנצען נאצי-אפאראט, א תל מאכען פון דער נאצי-דיסציפלין, קאמפראמיטירען די גאנצע נאצי-פראגראם.

מען קאן נישט גיין קיין צוריק, מוז מען גיין פאראויס. מוז מען די אנטיסעמיטישע ליניע ציהען ווייטער, מוז מען פון די יודישע געשעפטען ארויסווארפען נישט בלויז די אייגענטימער, נאר אויך די יודישע אנגעשטעלטע;

ווארפט מען ארויס די יודישע אנגעשטעלטע און מען פיהלט אן זייערע פלעצער מיט נאציס, מיט יונגע ארבייטסלאזע מיטגלידער פון דער נאצי-פארטיי, מיט דייטשע מיידלעך, וואס האבען קיין שום ערפאהרונג, קיין שום אמביציעס, קיין שום אינטערעס. קיין שום פערשטענדעניש פאר דער ארבייט.

אבער ווען עס קומט צו דער ענד פון דער וואך און ווען מען דארף אונטערציהען א סך הכל צו דער איינקונפט פון דער וואך, קוקט מען זיך ארום, אז די אויסגאבען וועלען זיין פיל גרעסער, ווי די איינקונפט; אז די חובות זענען פיל גרעסער, ווי דאס געלט, וואס ליגט אין קאסע; אז דער דעפי-ציט שטייגט און ווערט גרעסער.

דייטשלאנד קייקעלט זיך צו אומדערהערטע עקאנאמישע קאמפליקאציעס, ציטערט מען דערפאר דא פאר אן אינטערנאציאנאלען באיקאט באך מעהר ווי מען ציטערט פאר א מעגליכער מלחמה.

א אינטערנאציאנאלער באיקאט וועט דעם איצ-טיגען ווירטשאפטליכען כאאס אין דייטשלאנד נאך שארפער מאכען, וועט דעם איצטיגען האנדעל אין לאנד נאך מעהר אפטויטען, וועט פאראליזירען נישט בלויז דעם דייטשען האנדעל, נאר כמעט די גאנצע אינדוסטריע אין דייטשלאנד.

ווען דער האנדעל שטארבט אפ און ווען די אינדוסטריע ווערט פאראליזירט — וואס באך בלייבט דען פאר אזא לאנד ווי דייטשלאנד, אויסער זיך ווארפען אין מלחמה אויס פערצווייפלונג. עס וועט זיין א מלחמה — וועט נישט זיין קיין ארבייטסלאז-זיגקייט. וועלען די יונגע מענשען זיין אויף די שלאכט-פעלדער, וועט דער עלטערער דור ארבייטען אין די קריגס-פאבריקען.

וואקסט דערפאר אין דייטשלאנד די שטימונג פון שארפען פעסימיזם אלץ שטארקער און שטאר-קער.

זיך בעגאסען מיט קאכעדיג וואסער

(א) האט אויף פאדושעשטשנע 29 דער 13-יעהריגער אברהם פוקס, וועלכער האט זיך אפגע-בריהט דעם גאנצען קערפער.

פאגאטאווי'ע האט איהם ערטיילט די ערשטע הילף.

אוועקגעפאלען פאר הונגער

(2) נעבען נומער 13 אויף גלובאקא-גאס איז אוועקגעפאלען פאר הונגער די 42-יעהריגע יאני-נא יארקאווסקא — אהן א בעשטימטען וואוינארט.

(א) דאס זעלבע איז געשעהען אויף קאליעווא גאס, נעבען נומער 8 מיט'ן ארבייטסלאזען און היימלאזען, 24-יעהריגען משה טראיאנאווסקי, און אויף באלוטער מארק — מיט דעם 48-יעהריגער אר-בייטסלאזער און היימלאזער מיכאלינא קוריאטעק.

די אלע דריי האט פאגאטאווי'ע אפגעפיהרט אין שטאטישען אמבול-פונקט.

Dr. med. H. LUBICZ

ספעציאליסט פאר וועבערישע און געשלעכטס-קראנקה

צוריקגעקעהרט

צעגעלניאנא 7, טעל. 141-32.

נעהמט אן פון 8–10 פריה, פון 12–2 נאכמ. און פון 5–8 אווענד, זונטאג פון 9–11 בייטאג.

קליינע אנאנסען 1 זלאטי אנאנס ביז 15 ווערטער

ראקאלעז

אנ'ענצעלנע שטוב עוועטועל א שטוב מיט א קוך ווערט פון זאפארט געזוכט, נישט אלס סובלאקאטאר. אין דער גע-גענד פון בזשעזשינער גאס ביז מולנאצנא גאס און די זייטען גאסען. אפערטען אין אדמיניסטראציע פון דער צייטונג אונ-טער „P. W."

צו פערדינגען א געוועלב מיט א פראנט-שטוב פון 2 פענסטער, זעהר ביליג ביי זאנענשיין, פאלודניאווא 21. 4308

פרייע פאסטענס

ס'איז נויטיג א ריכטעווער און א נייהער ביי טענענבוים, פיעטריקאווער 79

ס'ווערט געזוכט א פעהיגער מענש אלס משמש ביי א רבי'ן. צו ערפאהרען מרדכי גבאי'ס גאס 19 ביי ראזענטהאל. 4309

פערשידענעס

ס'איז פערלוירען געווארען א וועקסעל אויף 50 זל. אויסשטעלער ש. שטשער-ווינסקי, צאהלבאר דעם 30/8 1933 אין פאביאניץ, ערשטע זשירא ה. פינקעלשטיין. אפצוגעבען צו וויינטרויב, זגערזשער 4 אין קאלאניאל-געוועלב. דער וועקסעל ווערט ערקלערט פאר אונגילטיג. 4310

צוליב אברייזע צו פערקויפען א קאמ-פלעט איינגעריכטעטע זאדע און לעמא-נאדע-פאבריק. אפערטען אין אדמינ. אונטער „זאפארט". 229

שייטלען

מיט פאריזער שריגדן און פערטיגע שייטלען ווערען ערשטקל. און רעיעל אויסגעפיהרט אויך אנדולאציע און מאניקור ביי קערש, סקווערווא 15

ווערקשטעל שירמס פון און שפאציר-שטעקענס ס. פייגענבוים לאדז, נארוטאוויטשא 19

עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קאליטע דאמען- און מענער-שירמס און שטעקענס צו קאנקורענץ-פרייזען. נעהמט אן אלערליי רעפאראטורען פון שירמס און שטעקענס.

אכטונג, באלוט!!!

די איינציגע פוילישע - יודישע ביבליאטעק

א. נ. פון א. איליזעבשלאס

לימאנאווסקיעגא 15

פראקלאמירט א בילגען חודש אהן קויציע. חודש-אפצאל פאר ארבייטסלאזע נור 40 גר. א גרויסער אויסוואהל פון נייע ביכער. די ביבליאטעק איז אפען יעדען טאג (חוץ דינסטאג) פון 7 ביז 10 אווענד.

שלאסערי-ארבייטען,

ווי אויך אויטאגענישע שווייסונגען מעטאל-בעארבייטונגען מאשינען-טיילען

פירמע אויס ביליג

J. REDER, Łódź

קאנסטאנטינער 11/13.

כעמיש-באקטעריאלאגישער לאבאראטאריום

פ. שאץ

לאדז, פעטריקאווער 37.

טעל. 230-85

פיהרט אדורך זעמטליכע ערצטליכע אנאליזען פון אורין, בלוט, פלעגמע, א.א.

כירורגישער קאבינעט

Dra med. M. Kantora

איז געווארען איבערגעטראגען אויף זשעלאנא 5

טעל. 112-22

נעהמט אן פון 1–3 און פון 6–8 אוו. קאטשניצע-פרייזען.

Dr. med. S. Kantor

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען.

בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע

וואוינט יעצט אויף

90 פיעטריקאווער 90

טעל. 129-45

נעמט אן פון 8–2 בייטאג און 5–9 אוו.

רעכער

איוף וועש, לעצלעך צו הויזען, עקספארט און הענטשקעס ווערען אויסגענייהט ביי

ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8

Z pełnemi prawami (Kategorja A)

GIMNAZJUM ŻEŃSKIE

I PRYWATNA SZKOŁA POWSZECHNA

Marji Hochsteinowej

Wólczańska 23

tel. 214-27

די קאנצעלאריע נעהמט אן די איינשרייבונגען פון נייע שילערינס טעגליך פון 9–14 און פון 17–19.

אנהויב פון שול-יאהר זונטאג, דעם 20-טען אויגוסט, 10 פריה. 4102

Z prawami gimnazjów państw. Gimnazjum Żeńskie

Józefa Aba w Łodzi

oraz SZKOŁA POWSZECHNA, Zielona 10, tel. 122-12

איינשרייבונגען אין די גימנאזיאל-קלאסען ווי אויך אין די פאלקסשולע נעהמט אן דער סעקרעטאריאט אין די צהר-שעה'ן. אין דער 1. קלאס פון דער פאלקסשולע ווערען אנגענומען מעדלעך און יונגלעך ביז 6 יאהר אהן עקזאמען. דער שכר למוד אין דער פאלקסשולע איז פערקלענערט. די עקזאמענס הויבען זיך אן ד. 21 אויגוסט, 8 פריה. אינטערנאט-עקזאמענס אין אלע קלאסען הויבען זיך אן ד. 22 אויגוסט ד. י.

Dr. med. Haltrecht

ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס-קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

צוריקגעקעהרט

נעמט אן פון 8—11 פריה, פון 1—2 מיטאג און פון 5—9 אוונט. זונטאג פון 10—1 מיטאג

אלע ארט אנאליזען.

פאר ארבייטסלאזע לעטשניצע-פרייזן

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען. בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע

אנדזשעיא 5, טעל. 159-40

צוריקגעקעהרט

נעהמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו. זונטאג און יום-טוב פון 9 — 1 פערמיטאג.

בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

צאהן-ארצט

St. Gelberg

14 זאוואדזקא 14, טעל. 108-33

צוריקגעקעהרט

נעהמט אן פון 10–2 און פון 4–7 אוו.

לעטשניצע

זגערזשער 17

נעהמט אן קראנקע אין אלע ספעציאליטעטען

פון 9 פריה ביז 7 א זייגער אוונט.

וויזיט 3 זל.

אנאנסען-פרייזן פאר א מילימעטער-שורה

פאר'ן טעקסט—[illegible] גר.	פרייטאג און ערב-יו"ט—24 גר.	אין דער זייט שפאלטען
אין טעקסט—40	—68	4
נאכ'ן טעקסט—12	—18	8

אויסער דער שטאט 50 פראצ. טייערער, אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א ווארט

נעקראלאגען-20 גר. א מ/מ (אין דער זייט שפאלטען) קליינע אנאנסען ביז 15 ווער-טער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע ווארט — 10 גר.

אבאנאמענטס-פרייז: אין לאדז — 4 זלאטעס א חודש מיט אפטראגען אהיים. אויף דער פראווינץ — 5 זל. א חודש; אין אויסלאנד 7 זל. אמעריקא—1 דאל.

מעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פרינציפיעל דעם אינהאלט פון דער אנאנס בערעכטיגען נישט צום איבערדריקען די אנאנס אדער צוריקצוצאהלען פאר דעם אנאנס

פאר'ן אינהאלט און טער מין פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך. די אדמינ. איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 31.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman